# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

שמיני

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת שמיני

חסל סידור פסח - אָנהאַלטן דעם יו"ט פסח צו שטייגן ווייטער.................ד
בקרובי אקדש - פאַר וויפיל פאַרקויפסטו די יסורים און שווערינקייטן?............ו
את זה תאכלו - 'השתדלות' קען נישט זיין אויפ'ן חשבון פון תורה ותפילה.........י
ויקרבו כל העדה - מ'דאַרף ליב האָבן יעדן איד ........................יג

**ספה"ק בת עין**

**וְהוּא גֵּרָה לֹא יִגָּר** אבער די עסנווארג וואס ווערט געשלעפט [גֵּרָה] טוט ער נישט שלעפן [לֹא יִגָּר]. **וְאִיתָא בְּסֵפֶר אוֹר הַחַיִּים** (עה"פ) **תְּנַאי הוּא בַּדָּבָר** אין אוהַ"ח הַק' שטייט אז די תורה זאגט אונז דא א תנאי, **כָּל זְמַן שֶׁהוּא לֹא יִגָּר** אז ווי לאנג די חזיר איז נישט מעלה גרה טאר מען אים נישט עסן, **אֲבָל לֶעָתִיד לָבֹא יַעֲלֶה גֵּרָה וְיַחְזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** אבער לֶעָתִיד לָבֹא ווען משיח וועט קומען און דער חזיר וועט צוריק אנהייבן צו זיין מעלה גרה וועט עס צוריק ווערן מותר. **כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ חֲזִיר** ווי חז"ל זאגן פארוואס ווערט עס אנגערופן אַ 'חֲזִיר', **שֶׁעָתִיד לַחֲזוֹר לִהְיוֹת מוּתָּר** ווייל די ווארט 'חֲזִיר' איז טייטש צוריקערן און די חֲזִיר גייט צוריק ווערן מותר.

**וּלְהָבִין זֶה עַל דֶּרֶךְ עֲבוֹדָה לַה'** צו פארשטיין די ענין אויף א וועג פון עבודת השם, **דְּהִנֵּה עִנְיַן הַחֲזִיר שֶׁמַּרְאֶה טְלָפָיו שֶׁהוּא כָּשֵׁר** (בר"ר סה, א) ווייל די ענין פון דער חֲזִיר איז, אז ער ווייזט זיינע פיס מיט איהרע כשר'ע סימנים. **פֵּירוּשׁ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּרְאֶה אֶת עַצְמוֹ לִבְנֵי אָדָם בַּחֲלַקְלַקּוֹת לְשׁוֹנוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא אוֹהֲבָם** ד"מ אז עס איז דא מענטשן וואס ווייזן זיך מיט זייערע געשליפענע צונג פאר אנדערע מענטשן ווי אזוי ער איז זייער פריינד, **אֲבָל לִבּוֹ בַּל עִמָּהֶם** אבער זיין הארץ איז נישט מיט זיי.

**וְהוּא בְּחִינַת הַחֲזִיר** און דאס איז די בחינה פון א חֲזִיר, **שֶׁמַּרְאֶה בְּחִיצוֹנִיּוּת שֶׁלּוֹ לְפָנִים שֶׁהוּא טוֹב וְכָשֵׁר וּמַפְרִיס פַּרְסָה** וואס ווייזט זיך פון דרויסן אז ער זאל אויסזעהן גוט און כָּשֵׁר און אז ער האט געשפאלטענע קלאען, **אֲבָל 'גֵּרָה לֹא יִגָּר'** אבער ער איז נישט א מַעֲלֶה גֵּרָה ער טוט נישט ארויפברענגען די עסן, **הַיְינוּ בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת שֶׁלּוֹ בְּלֵב וְנֶפֶשׁ אֵינוֹ כֵּן** דאס מיינט צו זאגן אז אינווענדיג אין זיין הארץ און נפש איז ער נישט אזוי ווי ער ווייזט זיך פונדרויסן, **אֶלָּא הוּא שׂוֹנְאוֹ** נאר ער האט אים פיינט. **וְזֶהוּ עִיכּוּב הַגְּאוּלָּה** און דאס טוט צוריקהאלטן די גאולה, **שֶׁאֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּטָּהֵר הַחֲזִיר** ווייל בֶּן דָּוִד (משיח) קען נישט קומען ביז די חֲזִיר וועט ווערן טָהוֹר און מותר, **הַיְינוּ שֶׁיַּעֲלֶה גֵּרָה** דאס מיינט אז ס'וועט ווערן מַעֲלֶה גֵּרָה, **וְיִהְיֶה פְּנִימִיּוּת לִבּוֹ כְּמוֹ שֶׁמַּרְאֶה בְּטְלָפָיו** און ער וועט זיין אינעווענדיג אין זיין הארץ אזוי ווי ער ווייזט פון דרויסן מיט זיינע קלאען.

**(פרשת שמיני ד"ה והוא גרה לא יגר)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת שמיני

**חסל סידור פסח - אָנהאַלטן דעם יו"ט פסח צו שטייגן ווייטער**

**יעצט,** ווען מיר האַלטן שוין טאַקע ביי 'חסל סידור פסח', און מיר האָבן בעזרת השי"ת זוכה געווען צו אפרעכטן דעם יום טוב פסח העעל"ט בדיצה וכשרות, טאָר מען ח"ו נישט טראכטן, אז די געהויבענע טעג זענען פאַרביי און יעצט זענען מיר אָנגעקומען צו טעג 'אשר אין בהם חפץ'... ווייל אדרבה, יעצט, נאָך די גאַנצע עבודה פונעם יום טוב און די התעלות צו וועלכע מיר האָבן בחסדי השי"ת זוכה געווען, איז דאָך אונזער עבודה פון יעצט און ווייטער אַסאַך חשוב'ער, און יעדע מצוה און גוטע מעשה וואָס מיר טוהען יעצט, האָט אַ גרעסערע קדושה.

**נאָך** מער, דער גאַנצער תכלית פון די ימים טובים איז דאָך צו געבן פאַר דעם מענטש דעם כח צו קענען שטייגן אין עבודת השי"ת אויך אין די 'וואָכן טעג'[א].

**ביי** די ערשטע התגלות פון באַשעפער צו משה רבינו ע"ה, געפינען מיר אין פסוק (שמות ג, ב-ג) 'וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה, וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל'. און באַלד נאָך דעם זאָגט דער פסוק, 'ויאמר משה אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה, מדוע לא יבער הסנה'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס משה האָט געזאָגט 'אסורה'. וואו דאַרף ער זיך נאָך ווענדן? ער האָט דאָך פאַר זיך דעם 'מראה הגדול' - דאָרט וואו ער שטייט.

**זאָגן** די ספרים, אַז דער פסוק קומט מרמז זיין, אַז משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען, אָט האָב איך דאָ געזעהן אַזאַ גרויסע התגלות, ממש 'גילוי שכינה'. בעט איך דיך באַשעפער, אַז אויך 'אסורה' - ווען איך וועל פאַרלאָזן דאָס הייליגע אָרט, זאָל איך ווייטער זוכה זיין צו זעהן, 'ואראה את המראה הגדול הזה'. די הייליגע געפילן זאָלן זיך נישט אָפּטוהן פון מיר.

**נאָך** מער: 'אסורה' איז אויך פון לשון 'צובינדן' (אַזוי ווי 'מתיר אסורים'). האָט משה געמיינט מרמז צו זיין, 'אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה' - איך וויל זיך צובינדן צו די גרויסע מראה, און איינקריצן אין זיך אַלע געהויבענע און הייליגע געפילן וואָס איך האָב דאָ געשפּירט, שטייענדיג ביים 'סנה'.

---

**א.** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ מענטש האָט געהאַט אַ געטרייען אייזל, וועלכער האָט פאַר איהם געטראָגן זיינע פעק, און איהם געפירט אויף זיינע נסיעות. איינמאָל ווען זיי זענען געווען אינמיטן וועג, איז דאָס אייזל מיט אַלע פעק אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב. דער מענטש האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט באַשטעלט אַ 'קרעין', וואָס האָט אויפגעהויבן דעם אייזל מיט אַלע פעק און זיי אַרויסגעפירט פונעם גרוב. דאַן האָט דער אייגנטימער פונעם אייזל געמאַכט אַ 'קל וחומר', אויב דער 'קרעין' האָט באַוויזן אויפצוהייבן דאָס אייזל, פאַרוואָס דאַרף איך זיך אַרומשלעפּן מיט'ן אייזל... איך קען זיך דאָך באַנוצן מיט'ן 'קרעין' פאַר אַלע מיינע רייזעס און פאַר'ן אייזל צו טראָגן די פעקלעך...

'אומר ועושה'. ער האָט אַזוי געטוהן. ער האָט אָנגעלאָדענט אַלע זיינע פעק אויפ'ן 'קרעין', אָבער ווען ער האָט געוואָלט פאָרן ווייטער, האָט דער 'קרעין' זיך נישט גערירט פון אָרט... האָט ער זיך געוואונדערט דערויף, ביז אַ קלוגער איד האָט איהם ערקלערט, אַז דער גאַנצער 'קל וחומר' איז אַן אָפּגעפרעגטער 'קל וחומר', ווייל דער 'קרעין' איז נאָר בכח אויפצוהייבן חפצים און פעקלעך, אָבער ער איז נישט בכח צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג. דאָס קען נאָר אַ פשוט'ער אייזל...

דער נמשל איז, **די ימים טובים האָבן אַ כח אויפצוהייבן** דעם מענטש העכער אַלע 'לעכער און גריבער' וואו ער איז אַריינגעפאַלן אין די וואָכן-טעג, אָבער **פאָרצוזעצן ווייטער אויפ'ן וועג קען נישט דער מענטש, נאָר אויב ער וועט ווייטער אַרבעטן יעדן טאָג**, און אַזוי קען ער שטייגן און דערגרייכן זיין מעמד.

'ללמד על הכלל כולו יצא'. דאס לערנט אונז א לימוד, אז יעדעס מאל ווען א איד איז זוכה צו התרוממות הנפש און צו א התעוררות פון קדושה, דארף ער זיך 'צובינדן' דערצו, אז די הייליגע הארה זאל האבן א קיום אויך ווען ער וועט זיך 'אפטוהן' פון איר. עס זאל נישט באלד פארבייגיין פון איהם[ב], נאר עס זאל בלייבן אין איהם א לאנגע צייט[ג].

**דאס** איז געזאגט געווארן ספעציעל יעצט - 'ממחרת הפסח', ווען מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו פראווען דעם יום טוב, דארפן מיר גוט אפהיטן אין זיך די התעלות, צו וועלכע מיר האבן זוכה געווען אינעם יום טוב.

**אזוי** האט געטייטשט דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע (ליקוטים) דעם נוסח התפילה, 'מלכותך ראו בניך, בוקע ים לפני משה, זה א-לי ענו ואמרו, ה' ימלוך לעולם ועד'. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט מען אויסגעקליבן פון אלע פסוקים פון די שירה, דייקא דעם פסוק, 'ה' ימלוך לעולם ועד', ספעציעל אז עס שטייט ביים סוף פון די שירה, און עס איז דער קירצסטער פסוק אין די שירה.

**נאר** די כוונה דערפון איז, אז ווען די אידן האבן זוכה געווען צו אזא גרויסע התגלות אלקית, אז אפילו א דינסט האט געזעהן ביים ים סוף וואס דער נביא יחזקאל בן בוזי האט נישט זוכה געווען צו זעהן, און אלע אידן האבן געוויזן מיט'ן פינגער און געזאגט 'זה א-לי' (רש"י, פרשת בשלח), האבן זיי באלד געזאגט 'ה' ימלוך לעולם ועד', כדי די שטארקע הארה צו וועלכע זיי האבן זוכה געווען, זאל נישט זיין בלויז 'לשעתה', נאר עס זאל זיך האלטן ביי זיי אויף אייביג, און צו דעם קענען זיי זוכה זיין דורך דעם וואס זיי נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים: 'ה' ימלוך לעולם ועד'.

**אזוי** טייטשן די ספרים דעם פסוק (תהלים קיח, כז) 'אסרו חג בעבותים'. מ'זאל 'צובינדן' ('אסרו') צו זיך דעם יום טוב מיט 'שטריק' ('בעבותים'), דורך גוטע קבלות וואס מ'נעמט אויף זיך, און מ'זאל זיך קיינמאל נישט אוועקרירן דערפון.

**אברהם** אבינו ע"ה האט געפרעגט פונעם אויבערשטן ביי דעם 'ברית בין הבתרים' (בראשית טו, ח-ט) 'ויאמר, ה' אלוקים, במה אדע כי אירשנה', און דער אויבערשטער האט איהם געענטפערט: 'ויאמר אליו, קחה לי עגלה משולשת'. האט דער איזשביצער רבי, הרה"ק רבי מרדכי יוסף זי"ע געטייטשט: אברהם אבינו ע"ה האט געפרעגט דעם אויבערשטען, נאך דעם ווי ער האט זוכה געווען צו זעהן און הערן דעם באשעפער, ווי אזוי וועל איך זוכה זיין צו 'ירש'ענען', די גרויסע מראה, אז עס זאל זיין א 'בר קיימא', זיך צו האלטן אין מיר, און איר השפעה זאל זיך נישט אפטוהן פון מיר, מיט די צייט.

**אויף** דעם האט דער באשעפער איהם געענטפערט: 'קחה לי עגלה משולשת', דו זאלסט ברענגען

---

**ב.** דער 'שפת אמת' פרעגט ('שפת אמת', פרשת שמות תרל"ח), וואס האט משה רבינו ע"ה זיך אזוי געוואונדערט אויף דעם וואס דער 'סנה' טוט זיך נישט אויסברענגען? ער האט דאך אוודאי פארשטאנען אז דער פייער איז נישט אנדערש ווי א **רוחניות'דיגער פייער**, און אזא פייער פארברענט נישט קיין גשמיות'דיגע זאכן, אזוי ווי די גמרא זאגט (חגיגה כז.) אז דער 'מזבח הזהב' וואס איז געווען דיק אזוי ווי א 'דינר', האט דער פייער נישט געוועלטיגט דערויף און עס איז נישט פארברענט געווארן, ווייל עס איז געווען א **הימלישער פייער**, און צוליב דעם האט דאס פייער פון די 'מערכה' זיך נישט אויסגעלאשן פון רעגן (אבות פ"ה, מ"ה).

ענטפערט דער 'שפת אמת', אז משה האט זיך נישט געוואונדערט אויף דעם וואס דער 'סנה' טוט נישט 'פארברענט' ווערן ביז עס זאל אינגאנצן פארשווינדן, נאר ווי אזוי איז מעגליך אז עס איז דא א געטליכע התגלות אויפ'ן סנה, און **דער סנה בלייבט ווייטער דער זעלבער דארן-בוים...** עס ווערט נישט פארברענט פון דעם הייליגן פייער צום באשעפער.

**לדידן ייאמר, מיר דארפן אויך פרעגן, ווי אזוי איז מעגליך אז נאך אזעלכע הייליגע טעג וואס מיר האבן יעצט געפראוועט דעם יום טוב פסח, זאל מען איבערבלייבן א טרוקענער 'דארן', און נישט 'קאכן' פאר דעם אויבערשטען...**

**ג.** אזוי האבן צדיקים געטייטשט ('תורת אבות', שבת, אות רטז) דעם פסוק (תהלים לב, ו) 'על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו'. **'לעת מצוא'** איז א רמז אויף די צייט ווען מ'גייט ארויס פון א

פאַר מיר אַ קרבן, דאָס מיינט, דורך דעם וואָס דער מענטש שטאַרקט זיך אין זיין עבודה, און ער איז מקריב פון זיך אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען, קען ער אָנהאַלטן אין זיך די גרויסע התעלות צו וועלבע ער האָט זוכה געווען אינעם יום טוב.

**בקרובי אקדש - פאַר וויפיל פאַרקויפסטו די יסורים און שוועריגקייטן?**

**'ויקחו בני אהרן נדב ואביהוא איש מחתתו וגו', ותצא אש מלפני ה' ותאכל אותם וימותו לפני ה'. ויאמר משה אל אהרן, הוא אשר דיבר ה' לאמור בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד וידום אהרן'** (י, א-ג).

**זאָגט** דער גאון רבי יוסף שאול נאטאנזאָהן זצ"ל, בעל 'שואל ומשיב' (אין זיין ספר 'דברי שאול') אַז דער פסוק איז מרמז, 'בקרובי אקדש' - די 'נאָנטע' צו דעם אויבערשטען, פאַרשטייען אַז אַלעס איז געווען פון דעם אויבערשטען, און זיי גלייבן בלי שום ספק, אַז אין אַלעם איז באַהאַלטן גרויס רחמים און חסדים[ד], און אַזוי ווערט געהייליגט דער נאָמען פון דעם אויבערשטען. אבער 'ועל פני כל העם אכבד' - דער המון עם פאַרשטייט דאָס נישט, אין זייערע אויגן איז עס שווער. (דער פשוט'ער טייטש פון וואָרט 'אכבד', איז פון לשון כבוד, אָבער לויט דעם פשט, מיינט עס פון לשון שוועריגקייט 'כבד'). ער פירט אויס: 'והבן כי היא מליצה נפלאה ונמרצה מאד'.

**אַזוי זאָגט** אויך דער מדרש תנחומא (פרשת כי תצא, ב) אויפ'ן פסוק (תהלים צד, יב) **'אשרי הגבר אשר תיסרנו י-ה ומתורתך תלמדנו'.** האָט רבי אלעזר בן יעקב געזאָגט, דער מענטש דאַרפן מכיר טובה זיין דעם באַשעפער ווען עס קומען אויף איהם יסורים ח"ו, ווייל די יסורים ציען דעם מענטש צו דעם אויבערשטען[ה], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, יב) 'כי את אשר יאהב ה' יוכיח, וכאב את בן ירצה'. האָט רבי שמעון בן

---

הייליגן זמן. דאַרף מען מתפלל זיין דערויף אַז עס זאָל בלייבן אין אונז די קדושה צו וועלכע מיר האָבן זוכה געווען, און דער 'שטראָם' פון די 'מים רבים' זאָל נישט 'פאַרשווענקען' חלילה די התעוררות פון קדושה.

**ד.** מיר האָבן געהערט אַ מעשה נורא פון איינעם פון די משפחה-קרובים. העכער 80 יאָר צוריק איז אַ יונגערמאַן לײדער אַוועק פון דער וועלט ל"ע אין ירושלים, איבערלאָזנדיג אַ שטוב מיט קליינע יתומים. די עלטסטע טאָכטער האָט געזאָרגט אַריינצוברענגען פרנסה אין הויז ווי ווייט מעגליך, אַז אירע ברידער און שוועסטער, די צובראָכענע יתומים, זאָלן האָבן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין.

ווי באַקאַנט, האָט אין יענע יאָרן, געהערשט גרויס אָרימקייט אין ירושלים, און ס'איז נישט לייכט געווען אַריינצוברענגען אַ שטיקל ברויט אין שטוב. איז דאָס מיידל אַריבערגעגאַנגען צו הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, און זיך פאַר איהם אויסגעוויינט איבער איר ביטערן גורל, און ווי שווער עס קומט אָן דאָס לעבן. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זיך פאַרטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און אַ מינוט שפּעטער האָט ער איר געפרעגט:

**- פאַר וויפיל פאַרקויפסטו די יסורים און שוועריגקייטן?**

דאָס מיידל האָט פאַרשטאַנען וואָס דער זוועהילער רבי ענטפערט איר דאָ, אַז ער וויל פאַר איר אַרויסברענגען דעם גרויסן זכות וואָס זי האָט, און זי האָט פאַרלאָזט זיין הויז מיט אַ באַרואיגטן געמיט.

אַז מ'איז זיך מתבונן אין די מעשה, רעדן מיר דאָך דאָ פון אַן 'איש אלוקים', אַ צדיק יסוד עולם, אַ קדוש וטהור וואָס עס האָט אייביג גערוהט אויף איהם רוח הקודש, און אַלע זיינע ווערטער זענען געווען ממש אַזוי ווי פון אַן 'אורים ותומים', און פונדעסטוועגן, האָט ער אויך געוואָלט 'קויפן' דעם שכר פון די יסורים, ווייל מיט זיין הייליגן מח האָט ער פאַרשטאַנען, אַז **עס 'לוינט זיך' צו קויפן די יסורים**, ווייל מ'קען נישט אָפּשאַצן די גרויסע טובה און רחמים וחסדים וואָס זענען באַהאַלטן אין די שוועריגקייטן. וואָס גרעסער ס'איז דער צער, אַלץ גרעסער איז די טובה וואָס ליגט באַהאַלטן דערין, און ס'איז נישט דאָ אַ בעסערע 'ביזנעס' פון דעם... ממילא, טאָר מען זיך נישט באַקלאָגן, נאָר מ'דאַרף וויסן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען און וואָס ער טוט איז זיכער פאַר דיין טובה...

**ה.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליך וואָרט פון איינע פון די צדיקי הדור שליט"א, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (י, ד) 'ויקרא משה וגו' ויאמר אליהם קרבו שאו את אחיכם מאת פני הקודש'. די 'טעמי הנגינה' אויף דעם וואָרט **'קרבו'** זענען **'תלישה גדולה'**, און **'גרשיים'**. קען מען זאָגן, לויט ווי ס'איז באַקאַנט אַז דייקא דעמאָלס ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער איז דערווייטערט און אַוועקגעשטופּט פון דעם אויבערשטען, טוט דער אויבערשטער זיך דאָרט גאָר שטאַרק דערנענטערן צו איהם.

יוחאי געזאָגט, אויב עס ווערט חלילה נפטר אַ קינד ביי איינעם זאָל ער נישט האָבן טענות צום באַשעפער, ווייל דער קינד טוט איהם מרצה זיין פאַר דעם באַשעפער.

**און** רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אויף דעם אַ משל, אַ קעניג האָט געצערנט אויף דעם זון פון זיין טאָכטער, איז געקומען איינער און האָט איבערגעבעטן דעם קעניג וועגן זיין אייניקל. זאָגט דאָס אייניקל, דאַרף איך דען נישט מחזיק-טובה זיין און דאַנקען דעם מענטש וואָס האָט איבערגעבעטן מיין זיידן פאַר מיר. דאָס זעלבע, אויב אַ מענטש שטאַרבט ח"ו דאַרף מען מחזיק טובה זיין פאַר דעם אויבערשטען אַז דער זון האָט געפירט צו אַן איבערבעטונג צווישן זיין טאַטן און דעם אויבערשטען. 'כי את אשר יאהב ה' יוכיח'. און אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה, 'אשרי הגבר אשר תיסרנו י-ה'. אויב עס קומען יסורים ח"ו אויפ'ן מענטש זאָל ער עס אָננעמען מיט ליבשאַפט, ווייל דער שכר וואָס ער וועט דערפאַר באַקומען, איז אָן אַ סוף', עכ"ל.

---

דאָס איז דער רמז אין די צוויי 'טעמי הנגינה': א. **'תלישה גדולה'** - אַ מצב ווען דער מענטש שפירט זיך 'אָפגעריסן' ח"ו אויף אַ גרויסע פאַרנעם. ב. **'גרשיים'** - דער מענטש שפירט זיך דאָפעלט פאַרטריבן און דערווייטערט, דווקא דעמאלטס איז ער אַ **'קרוב'**.

ס'איז נישט געווען גענוג אַ 'תלישה **קטנה**', נאָר דייקא אַ **'תלישה גדולה'**... און אויך נישט געווען איין **'גרש'** (פאַרטרייבונג), נאָר **'גרשיים'** - פאַרטריבן אויף אַ דאָפּעלטן אופן, און דייקא דאָרט ווערט ביי איהם מקוים **'קרבו'**.

אויך האָט ער געזאָגט אַ רמז, די 'טעמי המקרא' אינעם וואָרט 'קרבו', זענען אויף דעם אות ק', און אויף דעם אות ב', וואָס צוזאַמען באַטרעפט עס די צאָל 102, אַזוי ווי 'אמונה'. דאָס איז אַ רמז, אַז **דייקא דורך אמונה קען מען זיך האַלטן פעסט ווען מ'שפירט זיך חלילה דערווייטערט**, און דאַן איז מען בכח זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער.

**ו.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, קלערט אויף דאָס ענין מיט אַ משל: אַ איד האָט געדינגען אַ הויז פון אַ מיניסטער פאַר דריי הונדערט רובל אַ חודש. אַמאָל איז דער מיניסטער אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטן לאַנד, און ער האָט באַשטימט איינע פון זיינע נאָנטע צו פאַרוואַלטן אויף זיינע פאַרמעגנס ווען ער וועט זיך נישט געפינען אינדערהיים - צווישן זיי, דאָס הויז וואָס דער איד האָט געדינגען.

דער נייער אויפזעהער איז אָבער געווען אַ גרויסער רשע, און ער האָט פאַר יעדן איינעם געהעכערט די 'רענט' צו 500 רובל. ווען עס איז געקומען דער טאָג צו באַצאָלן די רענט, האָט פאַר דעם שוכר געפעלט 20 רובל צום נייעם סכום, און ער האָט זיך געבעטן ביי דעם ממונה ער זאָל צוואַרטן עטליכע טעג, ביז ער וועט האָבן דעם גאַנצן סכום. דער רשע האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו, און ער האָט איהם דערלאַנג צוואַנציג קלעפּ מיט זיין רוט, אַנטקעגן די 20 רובל וואָס האָבן געפעלט פונעם סכום וואָס ער האָט באַשטימט. דאָס זעלבע האָט ער געטוהן מיט נאָך עטליכע מענטשן.

## מן הבאר

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, פלעגט דערציילן וועגן איינער וואָס האָט געקלאַפּט מיט אַ פויק, און אינמיטן האָט איינער זיך אויפגערעגט אויף איהם און איהם דערלאַנגט אַ פאַטש. דער פויקער האָט זיך אָבער נישט געמאַכט צו טוהן דערפון, נאָר ווייטער געקלאַפּט מיט'ן פויק זאָגנדיג:

- **אַ פאַטש געכאַפּט, און פריייליך געקלאַפּט...**

**דאָס איז איינע פון די עיקרים פון עבודת השם, אַז אויך אויב מ'כאַפּט חלילה אַ קלאַפּ, זעצט מען פאַר ווייטער צו דינען דעם אויבערשטען**, ווי דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האָט געזאָגט אויפ'ן לשון פונעם מחבר אין שולחן ערוך (או"ח סימן רפט), וועגן די מצוה פון 'ספירת העומר' וואָס מיר ציילן אין די יעצטיגע טעג: **'יספור מיד כשתחשך'** (מ'דאַרף ציילן ספירת העומר באַלד ווען עס ווערט נאַכט), אַז די כוונה פון דעם מחבר איז, אַז באַלד ווען עס ווערט 'טונקל' ח"ו פאַר דעם מענטש, ער שפירט אַז ער איז אין אַ מדריגה פון 'קטנות המוחין', דאַרף ער זיך שטאַרקן און תיכף אָפציילן אַ נייעם טאָג, פאַרגעסן פון זיין גאַנצן עבר און אָנהייבן אַ ניי לעבן.

אַ צייט שפּעטער, איז דער אויפזעהער געוואָרן זייער רייך, און ער האָט געקויפט אַ שיינע הויז מיט אַ גרויסן הויף. ווען דער מיניסטער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט דער איד איהם דערציילט וואָס דער פּאַרוואַלטער האָט געטוהן, און דאָס האָט גאר שטארק אויפגעברויזט דעם מיניסטער. האָט ער גוזר געווען אַז דער פּאַרוואַלטער דאַרף צאָלן 100 רובל פאַר דעם איד, פאַר יעדן קלאַפּ וואָס ער האָט איהם געגעבן. ער האָט צוגעגעבן, אַז דער פּאלאַץ וואָס דער פּאַרוואַלטער האָט געקויפט איז דאָך ווערד פיר טויזנט רובל, ממילא געהערט אַ העלפט דערפון (די סומע פון צוויי טויזנט רובל - אַנטקעגן די 20 קלעפּ, 100 רובל פאַר יעדן קלאַפּ) **צו דיר...**

איז דער איד אַהיימגעקומען אַ פאַרזויערטער. ווען זיין ווייב האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז צוגעלייגט, האָט ער געענטפערט: 'יעצט שפּיר איך דאָך שוין נישט דעם ווייטאָג פון די קלעפּ. ממילא טוט מיר ווי, **פאַרוואָס האָט דער רשע מיר נישט דערלאַנגט נאָך 20 קלעפּ...** איך וואָלט דאָך יעצט פאַרמאָגט דעם גאַנצן גיט'...

דער נמשל איז, אויב אַ מענטש ליידט חלילה יסורים אויף דער וועלט איז ער באַזאָרגט און האָט צער דערפון. ער קען דאָך נישט אויסהאַלטן די יסורים. אָבער ווען ער וועט אַרויפקומען אויפ'ן עולם העליון, און דאָרט וועט ער באַקומען שכר פאַר יעדע שעה פון יסורים וואָס ער האָט געליטן אויף דער וועלט, וועט ער זיך דאָך פרייען מיט יעדן 'קלאַפּ' און ווייטאָג וואָס ער האָט געהאַט אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס שטייט אין 'ספרי' (פ' האזינו, אות שיא) אויפ'ן פסוק (דברים לב, ז) 'זכור ימות עולם'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, **כל זמן איך ברענג אויף אייך יסורים אויף דער וועלט זאָל איר געדענקען וויפיל טובות און נחמות איך וועל אייך געבן אויף יענער וועלט.** דער עיקר איז דאָך צו גלייבן אַז אַלעס וואָס קומט פאָר, איז מיט די השגחה פּרטית פון דעם אויבערשטען ברוך הוא פאַר די טובה פונעם מענטש, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות ס:) 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד'. ('מחנה ישראל', ח"ב, פי"ג)

נאָך די פּטירה פון דעם גאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל, דער ראש בית דין פון די 'עדה החרדית' אין ירושלים ת"ו, האָט דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים, דערציילט וועגן אַ וואונדערליכן איינפאַל פון הרב פישער, ביי אַ 'דין תורה' וואָס איז פאָרגעקומען פאַר איהם: אַז אַ איד האָט געקויפט אַ 'חלקה' אינעם בית החיים, אָבער דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ביידע זייטן פון די 'חלקה' זענען באַגראָבן געוואָרן פרויען, און מ'פירט זיך דאָך נישט צו לייגן אַ מאַן צווישן צוויי פרויען. ממילא, האָט דער איד וואָס האָט געקויפט די 'חלקה', גע'טענה'ט אַז ס'איז אַ 'מקח טעות', און מ'זאָל איהם געבן אַן אַנדערע חלקה.

די דיינים האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה געבן, ווייל עס האָט אויסגעזעהן זייער פאַרפּלאָנטערט, צוליב דעם וואָס מ'האָט נישט געקענט טוישן די חלקה. ווען הרב פישער האָט געהערט די טענות פון ביידע צדדים, האָט ער גע'פסק'ענט אַז די חברה קדישא איז גערעכט, און זיי מוזן נישט בטל מאַכן דעם מקח. ער האָט צוגעגעבן, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פאַר דעם קונה אַוועקצוגיין פון דער וועלט קען מען גראָבן זיין קבר אין דער ערד אַסאַך טיפער ווי די קברים ביי די זייטן, און ממילא, וועט עס נישט הייסן אַז ער איז באַערדיגט געוואָרן צווישן צוויי נשים.

ביים דערציילן וועגן דעם, האָט רבי אברהם גניחובסקי אויסגעדרוקט התפעלות פאַר דעם פשוט'ן אָבער גאונישן איינפאַל פון הרב פישער, און גלייכצייטיג דערמיט האָט ער אַרויסגעלערנט פון דעם אַ לימוד פאַר'ן לעבן, אַז דער מענטש געפינט זיך צומאָל אין אַ שווערן מצב, וואָס אויפ'ן אויגנבליק זעהט עס אויס אַז ס'איז נישט דאָ קיין שום פּתח ארויס פונעם פלאנטער, איז די בעסטע עצה, **זיך צו האַלטן קליין און אָננעמען יעדע גזירה פון הימל מיט ליבשאַפט**, און דאַן וועט ער זוכה זיין צו אַ שפע פון רחמים און חסדים.

**ז.** אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ט, א) '**ויהי ביום השמיני**', זאָגט די גמרא (מגילה י:) אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'ויהי', איז עס אַ לשון פון צער. פרעגט די גמרא, וואָס פאַר אַ צער איז געווען אין דעם אַכטן טאָג פון די 'מילואים'? עס איז דאָך געווען גאָר אַ פרייליכער טאָג, ווייל דער משכן איז דעמאָלס אויפגעשטעלט געוואָרן.

ענטפערט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אַז מ'קען זאָגן אַז דער צער וועגן וועלכן דער פסוק איז דאָ מרמז, איז געווען פון משה רבינו ע"ה וואָס ער ווערט דערמאנט אין דעם פסוק, ווייל ער האָט געזעהן ווי זיין גרויסקייט און די גרויסקייט פון זיינע קינדער, איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אהרן און זיינע קינדער, וויבאַלד משה האָט זיך אָפּגעזאָגט (ביי דעם מראה פונעם 'סנה') צו זיין דעם אויבערשטען'ס שליח צו פרעה, האָט עס פאַרדראָסן דעם אויבערשטען כביכול, און ער האָט פון איהם צוגענומען די כהונה אויף אייביג. ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון די 'מילואים', האָט משה רבינו ע"ה געהאַט צער פון דעם וואָס ער האָט פאַרלוירן די כהונה, און **כאָטש משה איז געווען זייער**

**גרויס אין צידקות און ענוה, שפירט אָבער יעדעס לעבעדיגע האַרץ דעם צער,** ספּעציעל ביי אַזאַ טייערע און וואונדערליכע מצוה ווי די כהונה, עכ"ל.

און כאָטש מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון 'משה רעיא מהימנא', פונדעסטוועגן, קענען מיר לערנען פון די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש, **אַ לימוד לדורות, אַז ווען עס קומט אויפ'ן מענטש אַן ענין פון צער ח"ו, זאָל ער וויסן אַז אַזוי איז די נאַטור פון מענטשן, און ער זאָל נישט שפּירן צוליב דעם 'ווייטאָג', ווי ער טוט חלילה לייקענען אין די הנהגה פון דעם אויבערשטען, נאָר יעדער לעבעדיגער האַרץ שפּירט, און עס איז נישט דאָ אין דעם ח"ו אַן ענין פון כפירה.**

'לא ניתנה תורה למלאכי השרת', און קיינער פון אונז איז נישט אין די מדריגה פון אהרן כהנא קדישא, וואָס דער פסוק זאָגט עדות וועגן איהם, 'וידום אהרן', ווי צדיקים האָבן געטייטשט, אַז **ער איז געווען ווי אַ 'דומם', אַ שטיין, וואָס שפּירט גאָרנישט...**

דער רמב"ן ז"ל שרייבט (דברים יד, א-ב) אַז די תורה האָט נישט געָ'אסר'ט צו וויינען, ווייל עס איז די טבע פונעם מענטש נתעורר צו ווערן צו וויינען ווען ער פאַרלירט ח"ו עמיצן וואָס ער האָט ליב געהאַט, אָדער אויב ער וואַנדערט אַוועק אויך ביים לעבן.

מ'דאַרף אָבער אייביג געדענקען, **אַז עס איז נישט דאָ אַ 'חיוב' צו האָבן צער...** (ווי רש"י זאָגט אין מסכת סוכה דף כ"ה עמוד א' ד"ה 'טירדא דרשות'), און אפילו אויב ער האָט צער ח"ו, זאָל ער זיך נישט 'אַריינגראָבן' אין זיין ווייטאָג מער און מער, נאָר ער זאָך פּרובירן ווי ווייט מעגליך, מסיח-דעת צו זיין דערפון.

נאָך מער, ער זאָל זיך שטאַרקן אין זיין אמונה אַז אַלעס וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם איז געקומען פון דעם אויבערשטען, 'אבינו אב הרחמן', דער 'טוב ומטיב לכל', און אַלעס איז נאָר פאַר די טובה פונעם מענטש, און אפילו אויב ער קען דערווייל נישט פאַרשטיין די טובה וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם, אָבער צום סוף וועט ער זעהן קלאָר ווי אַלעס איז צום גוטן.

ס'איז באַקאַנט אַז הרה"ק בעל 'אמרי אמת' מ'גער זי"ע, האָט פאַרלוירן אַ זון הרה"צ רבי יצחק ז"ל יונגערהייט (אין יאָר תרצ"ה) פרייטאָג פאַרנאַכטס פרשת וירא, און כאָטש זיין הסתלקות האָט גורם געווען גרויס צער פאַר דעם 'אמרי אמת' און די חסידים, האָט מען אָבער במשך דעם שבת, נישט דערקענט אַן ענדערונג אויף די הייליגע צורה פונעם 'אמרי אמת'. ער האָט אַפילו געזאָגט ביים 'טיש' אַ וואָרט אויפ'ן פסוק אין דער וואָכעדיגער סדרה, 'קח נא את בנך וגו' אשר אהבת את יצחק'.

מוצאי שבת, האָט דער 'אמרי אמת' זיך געזעצט שבעה ל"ע, נישט קענענדיג קומען צו זיך פון גרויס צער. אויך ווען די אַנדערע צדיקים און גדולים פון פּוילן זענען געקומען מנחם אבל זיין דעם רבי'ן, האָבן זיי נישט באַוויזן צו טרייסטן זיין צובראָכן האַרץ, ביז ס'איז געקומען צווישן די מנחמים אַ פּשוט'ער איד פון אונגאַרן, און געזאָגט צו דעם 'אמרי אמת':

- הייליגער רבי! די גמרא זאָגט (מגילה לא:) **'סתירת זקנים בנין, ובנין נערים סתירה'**, און אויב די חז"ל האָבן געזאָגט אַזוי וועגן אַ בשר ודם, איז דאָך אַוודאי דער באַשעפער, דער 'זקן מלא רחמים', איז אַוודאי אַז זיין 'סתירה' איז נישט אַנדערש ווי אַ הערליכער 'בנין'...

דער 'אמרי אמת' האָט אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן, ער האָט ממש אויפגעלעבט. שפּעטער האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט: דער איד האָט מיך געטרייסט.

מיר האָבן געהערט פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, דער גאַנצער ציל און שטרעבונג פונעם יצר הרע איז דאָך אַריינצוברענגען דעם מענטש אין יאוש ח"ו, אַז דאָס זאָל איהם פירן אַראָפּצוגיין פון דרך הישר ח"ו. ער זאָגט פאַר דעם מענטש: זעה נאָר ווי פאַרזינקען דו ביזט אין עבירות רח"ל. זעה וואָס פאַר אַ מחשבות קומען דיר אויפ'ן געדאַנק, ממש אַזוי ווי איינער פון די ערגסטע פּושעים רח"ל. אַזוי טוט ער איהם איבעררעדן ביז ער שפּירט אַז עס איז חלילה נישט פאַרהאַן אַ גרעסערע חוטא און פּושע ישראל רח"ל ווי ער. דאָס פירט איהם צו פאַלן ביי זיך און שפּירן ווי ער איז דער ערגסטער מענטש אויף דער וועלט חלילה. זאָל ער זיך אַליין פרעגן, **וואו שטייט אין דער תורה אַז מ'טאָר נישט האָבן אַ יצר הרע וואָס רעדט איין דעם מענטש אַז ער איז דער ערגסטער?** די תורה זאָגט דאָך נאָר אַז מ'טאָר נישט **פאָלגן** דעם יצר הרע... אדרבה, נאָר ווען דער יצר הרע וועט שוין באַזיגט ווערן, וועט ער האָבן זיין תכלית. דאָס זעלבע זאָגן מיר, ס'איז נישט דאָ אַן איסור צו שפּירן אַ צער. די עבודה פון אַ איד איז נאָר זיך צו שטאַרקן אויף דעם צער...

**את זה תאכלו - 'השתדלות' קען נישט זיין אויפ'ן חשבון פון תורה ותפילה**

מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה (יא, כז) 'וכל הולך על כפיו וגו' טמאים הם לכם'. זאָגט דער 'דברי בינה', על דרך הרמז, אַז דער פסוק לערנט אונז, אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן ח"ו 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה' - מיט מיינע אייגענע כוחות, האָב איך פאַרדינט מיין פאַרמעגן, ווייל די גאַנצע פרנסה קומט דאָך נאָר פון דעם אויבערשטען מיט זיין רחמנות.

דאָס איז דער פסוק מרמז, 'וכל הולך על כפיו' - דער מענטש וואָס גייט אַרום און ער רעדט זיך איין אַז עס איז זיין אַרבעט (יגיע 'כפיו') וואָס ברענגט איהם זיין פרנסה, איז ער ח"ו אין גדר פון 'טמאים הם לכם'.

ענליך האָבן צדיקים געזאָגט ('עבודת ישראל', אין דער היינטיגער פרשה), אויף דעם פסוק וויטער אין דער פרשה (יא, כט) 'וזה לכם הטמא בשרץ'. 'שרצים' איז פון לשון 'שרצים' - דאָס איז אַ רמז אויף מענטשן וואָס לויפן בסדר אַהער און אַהין, און האָבן נישט קיין מנוחה, אַזוי ווי אַ שרץ... סיי ווען פרנסה, צו טוהן טאָג און נאַכט איבעריגע השתדלות, און סיי ביי אַנדערע ענינים, נאָכצולויפן דעם 'עסקן', און יענעם 'שדכן', און ענליכע זאַכן. דער טעם פאַרוואָס די השתדלות איז אַ רמז אויף 'טומאה' איז, ווייל עס ווייזט אַז עס פעלט דעם מענטש אמונה און בטחון אין באַשעפער. מיט זיין איבעריגע השתדלות ווייזט דער מענטש, אַז ער רעדט זיך איין אַז מיט זיין השתדלות וועט ער באַווייזן צו האָבן וואָס זיין האַרץ גליסט. ער לייגט נישט צו דאָס האַרץ און דעם מח צו פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ממילא, וועט ער נישט פאַרדינען אַפילו אַ 'משהו', אויב עס איז איהם נישט באַשערט פון הימל.

אין כלל פון די פאַרבאָטענע איבעריגע השתדלות איז אויך ווען ס'איז גורם בטל צו מאַכן אַ קביעות עתים לתורה[ח], אָדער ווען דער מענטש האַלט זיך אָפּ צוליב דעם פון תפילה בציבור[ט], אָדער ער 'אַנטלויפט' אינמיטן דאַווענען', און דאָס גלייכן.

---

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע האָט דערציילט, אַז אַמאָל שבת חול המועד סוכות ביים טיש, האָט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער זי"ע געזאָגט צו די חסידים, אַז **די וועלט איז נישט ווערד אַפילו איין קרעכץ**. בשעת מעשה, האָט זיך צובראָכן אַ באַנק צוליב דעם גרויסן געדרענג צווישן די חסידים. די באַנק איז געפאַלן אויף דעם פוס פון רבי שלמה לייב, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אַ וויטאָגליכן קרעכץ.

בשעת מעשה, איז דאָרט געשטאַנען איינער פון די חסידים וועלכער איז געווען אַ תמימות'דיגער, און ער האָט זיך אָנגערופן צום לענטשנער:

- דער רבי האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז די וועלט איז נישט ווערד מ'זאל אויף איר געבן אַפילו איין קרעכץ?

האָט הרה"ק רבי שלמה לייב איהם געענטפערט:

- דו ביזט גערעכט, אָבער אַז עס טוט וויי, קרעכצט מען...

און דער בית ישראל האָט ערקלערט די ווערטער פונעם לענטשנער, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַוודאי **מעג** דער מענטש שרייען ווען עס טוט איהם וויי, נאָר וואָס דען, **צוזאַמען מיט שרייען, דאַרף ער געדענקען אַז די וועלט איז באמת נישט ווערד אַפילו איין קרעכץ**, און ער טאָר נישט נתפעל ווערן פון אַלעם וואָס עס פאַסירט מיט איהם, נאָר ער זאָל גלייבן אַז אַלעס איז פון הימל פאַר זיין טובה וועגן.

דער רשב"ם ז"ל שרייבט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה, '**הוא אשר דיבר ה' לאמור בקרובי אקדש, ועל פני כל העם אכבד**', אַז עס איז אַ כבוד פאַר די שכינה ווען דער מענטש זעהט אַז זיינע קינדער שטאַרבן ח"ו און ער שטעלט אַוועק זיין אבילות פאַר עבודת השם. דאָס איז געזאָגט געוואָרן ביי יעדע צרה שלא תבוא, אַז ס'איז אַ כבוד פאַר די שכינה אויב מ'לאָזט איבער דעם צער און מ'שטאַרקט זיך צו טוהן דעם רצון פון דעם באַשעפער.

**ח.** אין דער היינטיגער פרשה לייענען מיר וועגן די טמא'נע עופות וואָס אידן טאָרן נישט עסן. איינע פון די עופות איז דער 'שלך' (יא, יז). זאָגט רש"י, אַז 'שלך' איז אַ פויגל וואָס נעמט אַרויס פיש פונעם ים.

זאָגט דער 'דברי ישראל' אַ רמז אין דעם. דער 'ים' איז מרמז אויף די תורה, וואָס איז צוגעגליכן צו דעם ים (מדרש שהש"ר פ"ה, יד). די תורה (תלמוד בבלי און ירושלמי) ווערט אויך אָנגערופן 'ים התלמוד'. 'דגים' זענען מרמז אויף די אידן, וואָס זענען צוגעגליכן צו די פיש, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פצ"ז, ג) אויפ'ן פסוק (בראשית מח, טז) 'וידגו

לרוב בקרב הארץ', אַז פונקט אַזוי ווי די פיש לעבן און וואַקסן אין וואַסער, אַזוי וואַקסן די אידן און זיי לעבן אין די תורה, וואָס איז צוגעגליכן צו וואַסער.

לויט דעם, זאָגט דער 'דברי ישראל', אַז דער 'שלך', וואָס ער נעמט אַרויס פיש פון ים, איז מרמז אויף דעם יצר הרע וואָס קומט 'אַרויסנעמען' אידישע קינדער פון די תורה. דאָס מיינט, ער זוכט גורם צו זיין אַז דער מענטש זאָל נישט לערנען די הייליגע תורה. זיין עיקר עצה איז, די טענה, **'פון וואו וועסטו נעמען פרנסה'...** ווען ער רעדט איבער און נאַרט אָפּ דעם מענטש צו מיינען אַז דורך דעם וואָס ער וועט יעצט לערנען, וועט ער שאַדן האָבן געלט און עס וועט איהם חלילה פעלן פרנסה.

## מן הבאר

דער גאון רבי משה שטערנבוך שליט"א דערציילט, אַז זיין מאמע ע"ה האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, **ווי ווייט עס דערגרייכט דער חיוב פון 'השתדלות'**. האָט רבי אלחנן וואַסערמאַן איר געענטפערט:

**- איין זאַך דאַרף זיין קלאָר פאַר'ן מענטש, אַז פון אַ גרעסערע השתדלות וועט ער נישט פאַרדינען אַפילו אַ פרוטה מער ווי ס'איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן ראש השנה. ממילא, וואָס האָט ער צו האָרעווען און 'שוויצן' אומזיסט...**

קען מען דאָך מיינען, אַז רבי אלחנן האָט זיך 'אַרויסגעדרייט' פון ענטפערן אַ געהעריגע תשובה אויף די שאלה, ווייל פון זיין ענטפער וויסן מיר נאָך אַלץ נישט דעם שיעור פון השתדלות וויפיל מ'דאַרף טוהן, און ווען מ'גייט אַריבער די 'גרעניץ' פון השתדלות... איז אָבער דער אמת, אַז רבי אלחנן זצ"ל האָט דאָ געזאָגט אַ שטאַרקן יסוד, אַז די גאַנצע שאלה נעמט זיך נאָר פון דעם געדאַנק וואָס דער מענטש האָט אין זיין מח און האַרץ, אַז ער איז בכח צו פאַרדינען מער געלט דורך זיין השתדלות, און אפילו אויב ער ווייסט אַז זיין פרנסה קומט פון הימל, און נישט פון זיינע אייגענע כוחות, שפירט ער אָבער אין האַרץ אַז עס ווענדעט זיך אויך אין זיינע אייגענע מעשים. ממילא, זוכט ער פאַרשידענע אופנים צו טוהן מער השתדלות, ביז ער פרעגט אויב ער מעג אָדער ער טאָר עס נישט טוהן... **אָבער אויב ער טוט איינוואָרצלען ביי זיך אין האַרצן די אמונה אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל שפירן אויך אין האַרץ אַז די השתדלות האָט נישט קיין שייכות צו זיין פרנסה, וועט ער מער נישט האָבן קיין 'שאלה'**, ווייל זיין גאַנצער בליק אויף די שאלה וועט זיין אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן...

דער אמת איז אָבער, ווי דער הייליגער תנא רבי עקיבא האָט געזאָגט צו פוס בן יהודה, מיט דעם משל פון דעם פוקס און די פיש, אַז מה דאָך אין דעם אָרט פון וואו מיר לעבן האָבן מיר מורא, איז דאָך אין אַ פּלאַץ וואו ער קען שטאַרבן ח"ו האָט דער מענטש אַוודאי מורא. דאָס זעלבע איז מיט די פרנסה פונעם מענטש. אויב דער יצר הרע קומט און זאָגט פאַר דעם מענטש, עס פעלט דיר פון דיין פרנסה, ווייל דו לערנסט צופיל און דו טוסט נישט ווידמען גענוג צייט צו אַרבעטן אָדער האַנדלען, זאָלסטו איהם זאָגן אַז מה דאָך אין אַן אָרט פון וואו מיר לעבן איז דער מצב פון פרנסה נישט גוט, וועט עס דאָך אַוודאי און אַוודאי פעלן אויב מיר וועלן איבערלאָזן דעם מקור פון אונזער חיות... **אדרבה, וואָס מער מיר וועלן לערנען, וועלן מיר באַקומען מער השפעות טובות פון הימל.**

**ט.** הגה"צ רבי משה אהרן שטערן זצ"ל, דער משגיח פון דער קאַמעניצער ישיבה, האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אַרויסגעפאָרן קיין שווייץ, צו שאַפן געלט פאַר די קאַמעניצער ישיבה. איין טאָג האָט ער געוואָלט דאַווענען שחרית אין איינע פון די בתי מדרשים, וואו ער האָט געוואָלט רעדן מיט די מתפללים וועגן ביישטייערן געלט פאַר די ישיבה. אַ נאַכט פריער האָט רבי משה אהרן אָבער געהערט אַז אין יענע ביהמ"ד איז מען נישט אַזוי שטאַרק מקפיד אויפ'ן 'זמן תפילה'. האָט ער באַשלאָסן נישט צו דאַווענען דאָרט, טראָץ דעם מעגליכן געלט שאָדן וואָס ער האָט געקענט האָבן דערפון (ווייל ער האָט דאָך דאָרט געוואָלט שאַפן געלט פאַר די ישיבה).

שפּעטער האָט ער באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, אויך אַ 'משולח', וועלכער האָט איהם געזאָגט אַז ער האָט שאָדן געהאַט פון דעם וואָס ער איז נישט געקומען דאַווענען שחרית אין דער דערמאָנטער שול, ווייל עס האָט דאָרט געדאַווענט אַ גרויסער עושר, און יעדער משולח האָט באַקומען פון איהם 100 'פראַנק' (וואָס איז אין יענע צייטן געווען גאָר אַ שיינער סכום).

פאַרנאַכטס, איז רבי משה אהרן געגאַנגען דאַווענען מנחה-מעריב אין יענעם בית המדרש, און אָט האָט ער געזעהן דעם דערמאנטן עושר וואָס האָט דאָרט געטיילט געלט אינדערפרי ביי שחרית. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם עושר און איהם דערציילט אַז ער גייט נאָך געלט פאַר די קאַמעניצער ישיבה, און וויבאַלד ער איז נישט דאָ געווען אינדערפרי, בעט ער פון איהם יעצט אַ נדבה. האָט דער עושר איהם געגעבן אַ נדבה פון 100 פראַנק - דעם זעלבן סכום וואָס ער האָט אינדערפרי געטיילט פאַר יעדן משולח.

נאָך מנחה, איז רבי משה אהרן פאַרבליבן אין ביהמ"ד, וואַרטנדיג אויפ'ן 'צאת הכוכבים', כדי צו דאַווענען מעריב. אינצווישן איז דער עושר צוגעגאַנגען צום גבאי פון דער שול, און אָנגעוויזן אויף רבי משה אהרן, זאָגנדיג צום גבאי: עס דערקענט זיך אויף דעם איד, אַז ער איז אַן אדם חשוב, און כ'וויל וויסן ווער איז דער איד... האָט דער גבאי איהם דערציילט וועגן רבי משה אהרן, אַז ער איז דער משגיח פון דער קאַמעניצער ישיבה אין ארץ ישראל, און אַז ער איז גאָר אַ חשוב'ער איד. איז דער עושר צוגעקומען צו רבי משה אהרן, און איהם דערלאַנגט נאָך דריי הונדערט פראַנק. אַזוי האָט רבי משה אהרן באַקומען פון איהם אַ סך-הכל פון פיר הונדערט פראַנק...

נאָך דעם ווי מ'האָט געענדיגט דאַווענען מעריב, קומט צו דער עושר נאָך אַמאָל צו רבי משה אהרן, און ער דערציילט איהם אַז ער איז געקומען קיין שווייץ פון אַמעריקע אויף אַ קורצע צייט, און ער האָט מיטגענומען אַסאַך געלט צו טיילן צדקה. וויבאַלד עס זענען אָבער למעשה, נישט צוגעקומען צו איהם אַסאַך נצרכים, איז ביי איהם געבליבן אַ היבש ביסל געלט וואָס ער האָט שוין מקדיש געווען פאַר צדקה, און וויבאַלד ער דערקענט אויף איהם אַז ער איז אַ 'געהויבענער איד', שענקט ער איהם דאָס איבעריגע געלט וואָס איז איהם געבליבן צו טיילן... - און ער האָט בשעת מעשה, אַרויסגענומען פון טאַש 1,000 פראַנק, און עס דערלאַנגט פאַר רבי משה אהרן...

רבי משה אהרן פלעגט אַלע יאָרן זאָגן, אַז פון דעם קען מען זעהן די דרכי ד', 'המכין מצעדי גבר'. אויב איך וואָלט געקומען צו שחרית שחרית אינדערפרי, וואָלט איך באַקומען פון דעם עושר נישט מער ווי 100 פראַנק, אַזוי ווי ער האָט געטיילט פאַר די אַנדערע משולחים. ער וואָלט מיך נישט אין אַכט גענומען, ווייל עס זענען דאָך געווען דאָרט נאָך משולחים. האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז איך זאָל אָנקומען ערשט צו מנחה, און נאָר איך האָב פון איהם געבעטן אַ נדבה, און ממילא, האָט ער מיך אויפגעפאַסט און זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיר, און אַזוי האָב איך באַקומען פון איהם אַ פיל גרעסערן סכום געלט.

ווילן מיר צוגעבן צו די ווערטער פון רבי משה אהרן, אַז דאָ זעהט מען נאָך אַ זאַך, **אַז אַ איד טאָר קיינמאָל נישט טוהן אַן אומאויסגעהאַלטענע 'השתדלות'**, ווייל דייקא דערפאַר ווייל רבי משה אהרן האָט מקפיד געווען צו דאַווענען פאַר'ן זמן תפילה, האָט ער פאַרדינט 1,400 פראַנק - 14 מאָל מער ווי ער וואָלט פאַרדינט אויב ער וואָלט געמאַכט אַ השתדלות וואָס מ'טאָר נישט טוהן, און ער וואָלט אַהינגעקומען צו שחרית.

**י.** הגאון רבי משה מרדכי שולזינגער זצ"ל ברענגט אין זיין ספר, 'שיעורי משמר הלוי' (סוטה, ע' קפ) אז דער גאון און צדיק רבי עזרא ברזל זצ"ל, פלעגט זאָגן פאַר די אידן וואָס זענען געקומען צו זיינע שיעורים (ביי די 'ירחי כלה' אין בני ברק): אַ מענטש לויפט אַמאָל אַרויס פון שול אינמיטן חזרת הש"ץ, ווייל עס וואַרט אויף איהם אַ געשעפט וואָס ער דאַרף דאָרט פאַרדינען אַסאַך געלט. ער טראַכט ביי זיך, אַז אויב ער וועט וואַרטן ביז נאָך ברכת כהנים, וועט ער חלילה שאָדן האָבן געלט. ער פאַרשטייט נישט, אַז מיט דעם וואָס ער גייט אַרויס פון שול פאַר'ן דוכנ'ען, האָט ער שאָדן די גרויסע ברכה פון 'ואני אברכם', וואָס דער אויבערשטער אַליין בענטשט די אידן, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר די הצלחה פון זיינע אייגענע געשעפטן.

**מן הבאר**

הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ איד יאָגט זיך אַרויסצוגיין פון שול, אינמיטן 'אשרי ובא לציון'. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם איד און איהם געזאָגט: פאַר 'אשרי ובא לציון', איז אָנגעצייכנט אין סידור, די ווערטער 'ירידת השפע'. קומט אויס, אַז ווען דו יאָגסט זיך און דו גייסט אַרויס צו די אַרבעט, דערלייגסטו די גאַנצע שפע...

אַ מענטש לויפט אינדערפרי צו עפענען זיין געשעפט, און ביים אָנקומען אין געשעפט, כאַפּט ער זיך אַז ער האָט פאַרגעסן אינדערהיים די שליסל צום געשעפט... ער איז געלאָפן און געלאָפן, אָבער די שליסל זענען געבליבן

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל ('תפארת שמשון', פרשתינו, ע' צה), אויף'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ז) 'ומפתח אהל מועד לא תצאו פן תמותו'. פון דאָ לערנט אַרויס דער רמב"ם (הלכות ביאת מקדש פ"ב, ה"ה) אַז אַ כהן וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון בית המקדש אינמיטן די עבודה, איז חייב מיתה - סיי אַ כהן גדול, סיי אַ כהן הדיוט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'ומפתח אהל מועד לא תצאו פן תמותו'. דאָס הייסט, איר זאָלט נישט איבערלאָזן די עבודה און אַרויסגיין פון בית המקדש דערשראָקן און אין איילעניש.

**זאָגט** אויף דעם דער 'כסף משנה' (דאָרט), אַז אפילו אויב דער כהן איז אַן 'אונן' ל"ע, ווען איינער פון זיינע קרובים איז געשטאָרבן רח"ל, טאָר ער נישט איבערלאָזן די עבודה 'דערשראָקענערהייט', איידער ער שטעלט אַוועק פאַר זיך אַן אַנדערן כהן, איהם צו פאַרטרעטן צו ענדיגן פאַר איהם די עבודה, וויל אויב ער פאַרלאָזט דעם בית המקדש תיכף ומיד, איז עס אַ זלזול אין די הייליגע עבודה, און דאָס איז אַזוי האַרב אַז ער איז חייב מיתה דערויף.

**ממילא,** דאַרפן מיר אויך אַכטונג געבן נישט צו 'אַנטלויפן' פונעם דאַווענען [וואָס איז אנשטאָט די קרבנות] פאַר די צייט, כדי נישט אַרויסצואווייזן אַ זלזול אין די עבודה...

**אַזוי** טייטשט אויך דער 'דברי ישראל', דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (י, י) 'ולהבדיל בין הקודש ובין החול'. די הייליגע עבודה פון תורה און תפילה, ווערט אָנגערופן 'קודש', און דאָס האַנדלען און אַרבעטן פאַר פרנסה, ווערט אָנגערופן 'חול'. קומט דער פסוק אונז לערנען, אַז מ'דאַרף מאַכן אַ צווישנשייד צווישן 'קודש' און 'חול'. מ'זאָל נישט אַריינמישן 'וואָכעדיגע' געדאַנקען און טירדות פון פרנסה אין די הייליגע עבודה וואָס מ'טוט פאַר דעם אויבערשטען, ווען מ'דאַווענט און מ'לערנט, נאָר 'זמן תורה ותפילה לחוד', און דער זמן צו טוהן השתדלות דאַרף זיין באַזונדער.

### ויקרבו כל העדה - מ'דאַרף ליב האָבן יעדן איד

'**ויאמר** משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, וירא אליכם כבוד ה'' (ט, ו).

**ווען** מ'קוקט אַריין אין די פסוקים זעהט מען, אַז משה רבינו ע"ה האָט נאָר געזאָגט צו די אידן, 'זה הדבר אשר צוה ה' תעשו', אָבער ער האָט זיי נישט געזאָגט וועלכע זאַך זיי זאָלן טוהן אַז זיי זאָלן זעהן דעם כבוד פון דעם אויבערשטען (זעה 'אור החיים' הקדוש, און אַנדערע מפרשים).

**דער** 'תרגום יונתן' זאָגט, אַז דער פסוק רעדט דאָ וועגן דעם יצר הרע: דין פתגמא דתעבדון דאעברו ית יצרא בישא מן לבבון, ומן יד יתגלי לכון איקר שכינתא דה' - איר זאָלט אויסראַמען דעם יצר הרע פון אייערע הערצער, און איר וועט באַלד זוכה זיין צו השראת השכינה.

**אַזוי** שטייט אויך אין תורת כהנים, אַז משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו די אידן: 'אותו יצר הרע העבירו מלבכם, ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת לשרת לפני המקום'. ער זאָגט אָבער נישט וועגן וועלכן יצר הרע דער פסוק רעדט דאָ, וואָס ער זאָגט 'אותו יצר הרע'.

---

אינדערהיים... די זעלבע איז ביים דאַווענען, ברכת כהנים איז דאָך דער 'שליסל'. און בכלל, איז דער סיום פון דאַווענען דער גורם צו ברענגען די 'ירידת השפע'. ממילא, וואָס האָט מען צו אַנטלויפן פון ביהמ"ד איידער מ'ענדיגט? מען האָט דאָך צוליב דעם שאַדן דעם 'שליסל' - די ברכה פון דעם אויבערשטען, וואָס אָן דעם אויבערשטען'ס ברכה, קען מען נישט פאַרדינען אַפילו אַ פרוטה... (עכ"ל).

נאָך אַ מעשה ברענגט הרב שולזינגער אין 'משמר הלוי', אַז אין דער שטאָט חיפה האָט געוואוינט אַ חשוב'ער איד, מיט'ן נאָמען רבי אנשיל שווירץ ז"ל. רבי אנשיל האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע געשעפט פון כלים, און ער האָט קיינמאָל נישט געעפענט דאָס געשעפט ביז 2 אַזייגער נאָכמיטאָג. ער פלעגט קומען אין שול אינדערפרי, און געדאַווענט פאַמעליך, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס ציילט געלט. דערנאָך האָט ער געזאָגט תהלים און 'מעמדות', און אַנדערע סדרים וואָס ער האָט געהאַט.

האָט הרב שולזינגער איהם געפרעגט: רבי אנשיל, וואָס וועט זיין מיט די קונים?!... האָט רבי אנשיל איהם געענטפערט: זיי שטייען דאָך נישט און וואַרטן אויף די זון... זיי קענען דאָך קומען דריי אַזייגער נאָכמיטאָג... און דער רבי אנשיל האָט, ברוך השם, חתונה געמאַכט אַלע זיינע קינדער בכבוד ובריווח...

**האט** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, נאכגעזאגט אין נאמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אז מיט די ווערטער 'אותו יצר הרע', מיינט מען דעם יצר הרע פון שנאת חינם, ווייל יענעם טאג האבן די אידן געברענגט 5 בהמות אלס א קרבן: א) שעיר עזים לחטאת. ב) עגל וכבש לעולה. ג) ושור ואיל לשלמים, און אהרן אליין האט געברענגט נאך אן ד) עגל פאר א קרבן חטאת, און ה) אן איל פאר א קרבן עולה.

**א** טעם דערפאר זאגט דער 'מכילתא' (פרשת שמיני, אות ג) ווייל מצד די חנוכת המזבח, איז געווען גענוג פאר די אידן צו ברענגען נאר צוויי קרבנות, נאר זיי האבן געדארפט צולייגן נאך קרבנות, כדי מכפר צו זיין אויף דעם וואס די שבטים האבן פארקויפט יוסף הצדיק, וואס דאס איז נגרם געווארן דורך די עבירה פון שנאת חינם. קומט אויס, אז די עבודה פון די אידן איז געווען מתקן צו זיין דעם חטא פון שנאת חינם, און דאס האט משה רבינו ע"ה געזאגט צו די אידן: 'אותו יצר הרע תעבירו מלבכם' - יענעם יצר הרע וואס איר האט יעצט געברענגט א קרבן עם מתקן צו זיין (דעם יצר הרע פון שנאת חינם), 'תעבירו' - זאלט איר אוועקפירן און בטל מאכן אין יעדן דור - ביז'ן לעצטן דור, ווייל משה האט געזעהן מיט זיינע הייליגע אויגן, אז די עבירה פון מחלוקת און שנאת חינם וועט ליידער בושעווען ביי אידן ביז משיח וועט קומען אויסלייזן די אידן פון גלות, און צוליב דעם האט ער זיי אנגעווארנט צו דערווייטערן זיך פון שנאת חינם, און עס אויסרייסן מן השורש. ווייל נאר אויב עס וועט נישט הערשן צווישן אידן שנאת חינם, וועלן זיי זוכה זיין צו השראת השכינה.

**אדרבה**, מ'דארף פארמערן פארמערן אהבת חינם[א], ליב צו האבן יעדן איד אזוי ווי מ'האט זיך

---

**יא.** מיר האבן געהערט פון הרה"ח רבי אברהם מרדכי סג"ל שליט"א, אז הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, פלעגט פון צייט צו צייט גיין אין די פארטאגס-שעות צו פארשידענע בתי חיים אין ירושלים, ווי צ.ב.ש. דער הר המנוחות, א.א.וו. ער האט געהאט ביי דעם זיינע באהאלטענע ענינים, 'ומי יעמוד בסוד קדושים'.

אמאל ארום דריי-פיר אזייגער פארטאגס, איז דער 'בית ישראל' געגאנגען מיט זיין משמש צום בית החיים אין דער סנהדריה-געגנט פון ירושלים (וואו עס קומען זיך צוזאמען די בר אילן און שמואל הנביא גאסן), און זיי האבן געהאט א לאמטערן ('פלעשלייט') צו באלייכטן אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

פון דעם בית החיים אין סנהדריה, קען מען ארויפקריכן צו עטליכע שכנות'דיגע הייזער. א פרוי וואס האט געוואוינט אין איינע פון די דערנעבנדיגע הייזער, האט פונקט נישט געקענט שלאפן יענע נאכט, און באמערקנדיג א 'פלעשלייט' אויפ'ן בית עלמין האט זי זיך דערשראקן, ווער ווייסט צי עס דרייען זיך נישט דארט גנבים (זי האט נישט געקענט זעהן אין די פינצטערניש, אז דער וואס האלט א 'פלעשלייט' אין האנט, איז נישט קיין אנדערער ווי דער גערער רבי בכבודו ובעצמו...) וואס ווילן מעגליך אריבערשפרינגען דעם גדר צווישן דעם בית החיים און איר הויז, כדי אריינצוקומען אין איינע פון די דירות. האט זי שנעל טעלעפאנירט צו די פאליציי, וועלכע זענען אנגעקומען ביז א פאר מינוט. די פאליציי האבן אבער יא דערקענט דעם גערער רבי'ן, און זיי האבן איהם געבעטן מחילה, און איהם דערציילט אז א שכן פונעם דערנעבנדיגן בנין האט זיי גערופן אויס מורא פאר גנבים, און זיי האבן פארלאזט דאס ארט.

ווען זיי זענען אוועק פון דארט, האט דער 'בית ישראל' באפוילן פאר זיין משמש ער זאל זיי נאכיאגן און פרעגן ווער עס האט זיי אלארמירט צו קומען אהער. די פאליסלייט האבן אבער געענטפערט אז דאס איז א 'געהיימניס'. זיי טארן נישט ארויסגעבן די נעמען פון די מענטשן וואס טעלעפאנירן צו זיי.

ווי באקאנט, האט דער 'בית ישראל' געהאט פארבינדונגען איבעראל... אזוי אז ביז צוויי טעג שפעטער, האט דער 'בית ישראל' שוין געוואוסט ווער עס האט טעלעפאנירט צו די פאליציי סטאנציע. האט ער געשיקט א יונגערמאן וואס האט געקענט די משפחה, און איהם געבעטן אויסצוגעפינען ווען דער מאן געפינט זיך אין הויז צוזאמען מיט זיינע בני בית. האט דער יונגערמאן זיך אינטערעסירט ביי דעם מאן ווען ער איז אינדערהיים, און צוריקגעקומען זאגן פאר'ן 'בית ישראל' ווען דער מאן געפינט זיך אין הויז.

צו דער באשטימטער צייט, האט מען געהערט קלאפן אויפ'ן טיר. ווען דער מאן האט געעפענט די טיר, האט ער צו זיין שטוינונג געזעהן דעם גערער רבי'ן בכבודו ובעצמו, שטיין ביים טיר. דער 'בית ישראל' האט איהם

אַליין ליב[ב], צו זאָרגן שטענדיג פאַר'ן וואוילזיין פון אַ צווייטן, און זעהן איהם אַרויסצוהעלפן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן בגוף ובנפש - סיי מיט טוהן למעשה, און סיי מיט דברי חיזוק און התחזקות וואָס בלאָזן אַריין אַ רוח החיים אין דעם וואָס הערט עס[ג].

זוי ווייט דער אויבערשטער זאָרגט פאַר די טובה פון יעדן איד קען מען זעהן פון דעם וואָס מיר לייענען ביים סוף פון ספר שמות (מ, לח) 'כי ענן ה' על המשכן יומם ואש תהיה לילה בו, לעיני כל בית ישראל לכל מסעיהם'. זאָגט דער ילקוט שמעוני (רמז תיז) אַז דער

---

געפרעגט אויב זיין בני בית איז אינדערהיים, און ווען ער האָט געענטפערט אַז יאָ, האָט דער גערער רבי געבעטן אַז זי זאָל צוקומען נענטער צו די טיר. ווען זי איז צוגעקומען, האָט דער 'בית ישראל' געזאָגט הויך אויפ'ן קול:

**- איך האָב אָפּגעמאַכט אַ שרעק, האָב איך געוואָלט איבערבעטן...**

פון די מעשה לערנען מיר אַ מורא'דיגן לימוד, ווייל באמת, אויך אויב דער גערער רבי וואָלט געשיקט אַ שליח צו בעטן מחילה פון די פרוי, וואָלט זי דאָך אויך פון דעם געהאַט איבערגעגוג כבוד... אָבער דער 'בית ישראל' האָט איר געוואָלט אַליין איבערבעטן איינעם וואָס איז געטשעפּעט געוואָרן פון איהם.

**יב.** מורא'דיגע ווערטער שרייבט הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע, אין דער היינטיגער פרשה (ד"ה 'והוא') וועגן מענטשן וואָס ווייזן אַרויס ליבשאַפט פאַר אַנדערע מענטשן, אָבער אין אמת'ן האָבן זיי פיינט יענעם, 'שבע תועבות בלבם'.

זאָגט דער 'בת עין', מיר לערנען אין דער היינטיגער סדרה, ביי די פרשה פון מאכלות אסורות (יא, ז) 'ואת **החזיר** כי מפריס פרסה הוא ושוסע שסע פרסה והוא **גרה לא יגר** טמא הוא לכם'. זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש, אַז דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז ס'איז אסור באכילה נאָר אַזוי לאַנג ווי 'גרה לא יגר' - ער איז נישט 'מעלה גרה'. אָבער לעתיד לבוא, וועט דער חזיר זיין מותר צו עסן, ווייל עס וועט ווערן אַ 'מעלה גרה'. אויך זאָגן חז"ל (געברענגט אין 'רבינו בחיי', בשם דעם מדרש תנחומא), אַז צוליב דעם ווערט עס אָנגערופן 'חזיר', ווייל דער אויבערשטער וועט לעתיד לבוא עס צוריקקערן צו אונז, אַז מ'זאָל עס מעגן עסן.

### מן הבאר

אין דער היינטיגער פרשה (יא, יט) ווערט דער עוף וואָס הייסט 'חסידה', אויסגערעכנט צווישן די טמא'נע עופות. זאָגט רש"י, אין נאָמען פון חז"ל, אַז עס ווערט גערופן 'חסידה', ווייל עס טוט חסד מיט אירע חבר'טעס. פרעגן די ספרים, אויב דער עוף 'חסידה' טוט חסד מיט אַנדערע באַשעפענישן, פאַרוואָס איז עס טמא?

ענטפערט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז דער חסרון פון די 'חסידה' איז, ווייל זי טוט חסד נאָר מיט אירע חבר'טעס... און דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג, נאָר מ'דאַרף טוהן צדקה און חסד מיט אַלעמען - נישט נאָר מיט 'היימישע'...

זאָגט דער 'בת עין' בדרך רמז, עס זענען דאָ מענטשן וואָס פירן זיך אַזוי ווי דער 'דבר אחר' וואָס שטעקט אויס זיינע פיס צו זאָגן 'איך בין טהור'... אינדרויסן, זעהט ער אויס ווי איינער וואָס פאַרמאָגט סימנים פון כשרות, אָבער אין זיין פנימיות, איז ער טמא. מיט זיין גלאַטן צינגל ווייזט ער פאַר אַנדערע אַז ער האָט זיי ליב, און כלפי חוץ, זעט ער אויס ווי ערליך און 'כשר'. באמת איז ער אָבער אין גדר פון 'והוא גרה לא יגר' - אין זיין פנימיות, האָט ער פיינט יענעם מיט'ן גאַנצן האַרץ.

**זאגט דער 'בת עין': צוליב דעם ווערט צוריקגעהאַלטן די גאולה, ווייל משיח קען נישט קומען ביז דער חזיר וועט ווערן טהור. דאָס מיינט, ער וועט ווערן אַ 'מעלה גרה', און דאָס פנימיות פון זיין האַרץ וועט זיין אַזוי ווי ער ווייזט אַרויס מיט זיינע פיס**, עכדה"ק.

דאָס מיינט, אַז מיר דאַרפן זיך שטאַרקן ליב צו האָבן יעדן איד אויך אין פנימיות פון אונזער האַרץ, עס זאָל זיין 'תוכו כברו'. מ'זאָל גליסטן די טובה פון אַ צווייטן איד אויך אין פנימיות פון האַרץ, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.

**יג.** דער ליזשענסקער רבי שליט"א פון באָראָ פּאַרק דערציילט, אַז ער קען אַ יונגערמאַן פון באָראָ פּאַרק, וואָס אַרבעט פאַר פרנסה, און מיט דעם אַלעם, איז ער שטאַרק אויסגעצייכנט אין דעם ענין פון שמירת עינים, אויף

אַ וואונדערליכן אופן. ווען איינער פון זיינע חברים האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער קען דאָס באַווייזן - 'צי דען האָסטו נישט אַ יצר הרע?'... האָט ער איהם געענטפערט: 'איך האָב אַ יצר הרע, אַזוי ווי יעדער איינער'... האָט ער איהם ווייטער געפרעגט, האָסטו מעגליך נישט קיין נסיונות? האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט: 'איך האָב נסיונות, אַזוי ווי יעדער איינער'... האָט ער איהם געפרעגט: 'אפשר האָסטו נאָר קליינע נסיונות'? - ניין, איך האָב גרויסע נסיונות...

איז דער חבר שוין געוואָרן גאָר שטאַרק נייגעריג, אויב דו האָסט אַ יצר הרע, און דו האָסט אויך גרויסע נסיונות, ווי אַזוי טוסטו ביישטיין זיך צו קענען היטן די אויגן אויף אַזאַ וואונדערליכן אופן? האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט:

- מיט אַסאַך יאָרן צוריק, ווען איך האָב אַלס בחור געלערנט אין דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים, האָב איך זיך געהיטן די אויגן אויף גאָר אַ שטאַרקן אופן. מיט מיין תמימות, האָב איך בכלל נישט געזעהן אין דעם אַ ספּעציעלע מעלה און מדריגה, ווייל עס איז דאָך אַ בפירוש'ער לאו אין דער תורה, 'ולא תתורו', און 'ונשמרת מכל דבר רע'. אָבער פּורים, האָט מיך באַגעגנט אַ בחור פון די ישיבה וועלכער איז געווען 'שיכור ווי לוט', און ער האָט מיך געשאָקלט ווי מ'שאָקלט אַ 'לולב'... בעטנדיג פון מיר אַ ברכה, און ער האָט צוגעגעבן, נאָר פון דיר ווייל איך אַ ברכה... האָב איך איהם געפרעגט, וואָס ווילסטו האָבן פון מיר... פאַרוואָס האָסטו זיך עפּעס פאַרלייגט נאָר אויף מיר? האָט דער שיכור'ער בחור מיר געענטפערט:

- דו ביזט דאָך דער צדיק פון טשעבין, ס'איז נישט דאָ אין דער ישיבה נאָך אַ בחור וואָס היט זיך די אויגן אַזוי ווי דו היטסט דיינע אויגן. אַלע ווייסן און זאָגן עדות, אַז ס'איז נישט דאָ אין ישיבה נאָך אַזאַ אָפּגעהיטענער בחור אַזוי ווי דו.

- די דאָזיגע ווערטער פון דעם שיכור'ן בחור, האָבן טיף-טיף אַריינגעדרינגען אין מיין האַרץ, און דאָס גיט מיר כוח שוין צענדליגער יאָרן, יעדעס מאָל ווען דער יצר הרע הייבט אָן מיט זיינע 'מעשיות'... זאָג איך איהם, צי ביזטו דען אַראָפּ פון זינען? **איך בין דאָך דער 'צדיק' פון טשעבין**, און איך וועל נישט אַלעס קאַליע מאַכן ח"ו צוליב די נאַרישקייט וואָס דו ווילסט מיר אונטערוקן... און כאָטש דער שיכור זעלבסט האָט באַלד נאָך דעם ווי איך האָב איהם אָנגעוואונטשן, מיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד (פון גרויס שיכרות), און צומאָרגענס האָט ער אַפילו נישט געדענקט וואָס ער האָט גערעדט מיט מיר, אָבער מיין נשמה האָט ער אויפגעבויט אויף אַ שטאַרקן אופן לדורות עולם, ווייל ביז דאַן האָב איך נישט געטראַכט אַפילו פאַר אַ סעקונדע אַז איך האָב עפּעס ספּעציעל אין זיך, און ער האָט עס מיר געלאָזט הערן, **אַז איך פאַרמאָג יאָ אין זיך אַ ספּעציעלע חשיבות, וואָס ס'איז כדאי און ראוי פאַר מיר צו היטן דערויף, אויך נאָך צענדליגער יאָרן!**

און ווידער, אין דער בחינה פון 'זה לעומת זה', זעהט מען ליידער אויך פאַרקערט, אַז אַ וואָרט וואָס טויג נישט, קען אַמאָל חרוב מאַכן אַ גאַנצע וועלט רח"ל, ווי עס דערציילט אויך דער ליזשענסקער רבי שליט"א פון באָראָ פּאַרק, אַז עטליכע יאָר צוריק האָבן זיך געוואָנדן צו איהם עלטערן פון אַ בחור, און זיך אויסגעוויינט פאַר איהם דאָס האַרץ אַז זייער זון וועלכער לערנט אין אַ ישיבה קטנה, וויל בשום אופן נישט גיין אין ישיבה... האָט דער ליזשענסקער רבי אָנגעהויבן מקרב זיין דעם בחור, און צוביסלעך, האָט דער בחור זיך געעפענט פאַר איהם דאָס האַרץ, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בחור איז אַ ירא שמים, ער דאַוונט ערליך און האָט גוטע מידות, אָבער ליידער, האָט ער זייער שוואַכע כשרונות צום לערנען. לשבחם ייאמר, פאַר די שטאַב פון ישיבה, דאַרף מען זאָגן אַז די מגידי שיעורים אַרבעטן שווער פאַר זיינעט וועגן, און האָבן פאַר איהם אַפילו מסדר געווען גוטע 'חברותות', פון צווישן די בעסטע בחורים אין ישיבה, וואָס האָבן וואָלונטירט צו לערנען מיט איהם, ווייל זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף איהם, זעהענדיג אַז ער האָט באמת אַ רצון צום לערנען.

ליידער, האָט זיך אָבער געפונען אין ישיבה אַן אַנדערער בחור, וועלכער האָט באַקומען קנאה אויף דעם דאָזיגן בחור, און ער איז געלאָפן צום מגיד שיעור און צו די חברותות, פאַרוואָס באַקומט ער בעסערע חברותות פון מיר... האָט דער מגיד שיעור פונעם נאָכמיטאָג-סדר זיך געבעטן ביי איהם, אַז ער זאָל אָפּלאָזן דעם בחור, ווייל ער האָט נעבעך שוואַכע כשרונות - אַ 'פאַרשטאָפּטן' קאָפּ... ליידער, אָבער, האָט יענער בחור נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און פון קנאה אויף איהם, האָט ער 'געמאַכט זיכער' אַז די 'שמועה' זאָל אָנקומען צום בחור זעלבסט, און ווען דער בחור האָט געהערט די הגדרה וואָס דער מגיד שיעור האָט אויף איהם 'געגעבן', אַז עס איז אַ גרויס

'עמוד הענן' האָט זיך כסדר געטוישט צווישן טאָג און נאַכט, צוליב די זבין און מצורעין וואָס זענען געווען טמא, כדי זיי זאָלן וויסן ווען עס איז טאָג, און ווען ס'איז נאַכט.

**ברענגט** אויף דעם דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אַז זיין רבי, דער גאון בעל 'הפלאה' זי"ע, האָט געפרעגט, פאַרוואָס פעלט אויס פאַר חז"ל צו זאָגן אַז בייטאָג איז געווען איין סאָרט וואָלקן, און ביינאַכט איז געווען אַן אַנדערער סאָרט וואָלקן, צוליב די זבין און מצורעים? אַלע קרבנות קען מען דאָך ברענגען נאָר בייטאָג - נישט ביינאַכט. און אויב אַזוי, האָבן דאָך די אידן סיי-ווי געדאַרפט וויסן ווען עס איז טאָג און ווען ס'איז נאַכט, כדי צו קענען מקריב זיין זייערע קרבנות בייטאָג?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז באמת ווערט דאָך דער טאָג שוין גערעכנט פון דעם 'עלות השחר', נאָר וויבאַלד מ'קען מאַכן אַ טעות, האָבן חז"ל געזאָגט (מגילה פ"ב, מ"ד) אַז די מצוות וואָס גייען אָן בייטאָג, דאַרף מען טוהן נאָר פון די צייט ווען ס'איז דער 'נץ החמה'. וועגן דעם האָבן די אידן נישט געדאַרפט אָנקומען צו דעם אַז דער וואָלקן זאָל זיי לאָזן וויסן ווען ס'איז טאָג, ווייל ס'וועט נישט זיין געפערליך אויב זיי וועלן צווואַרטן ביז'ן 'נץ החמה', און דאַן וועלן זיי וויסן אַז ס'איז שוין טאָג. די זבין און מצורעים זענען דאָך אָבער אַרויסגעשיקט געוואָרן אינדרויסן פון די מחנה, און זיי וואַרטן און לעבצן עס זאָל שוין קומען די צייט ווען זיי מעגן זיך אומקערן צו זייערע הייזער, און פאַר זיי האָט דער אויבערשטער געברענגט דעם 'עמוד הענן', וואָס האָט גערוהט אויף דעם משכן בייטאָג, שוין פונעם עלות השחר, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן וואַרטן נאָך צייט אינדרויסן פון דער מחנה, כדי זיי זאָלן נישט האָבן צער אומזיסט.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט דעם גאַנצן סדר פון די בריאה, צו באַווייזן אַן אָפענעם נס חוץ לדרך הטבע, כדי זיינע באַשעפענישן - די זבין און מצורעים - זאָלן נישט האָבן צער חלילה[י].

**דעריבער,** דאַרפן מיר זיך אַוודאי מדבק זיין אין די וועגן פון דעם אויבערשטען, און טוהן גוטס מיט אַנדערע אידן.

**אויך** זאָגט דער 'חתם סופר' זי"ע (דרשות לחברה קדישא, ערב ר"ח אדר, ע' קכו, טור א), די וועלט שטייט דאָך אויף דריי 'עמודים' - תורה, עבודה, און גמילות חסדים

---

רחמנות אויף איהם, צוליב זיינע שוואַכע כשרונות, איז ער געוואָרן שטאַרק געטשעפּעט דערפון, זאָגנדיג, מיר זאָגט ער אַז איך בין אַ צדיק און אַ גוטער בחור, און אַז צוליב דעם שטייט ער מיר צו דער האַנט, און 'אונטער מיין פּלייצע', זאָגט ער פאַר אַנדערע, אַז ער טוט עס צוליב רחמנות, ווייל איך האָב אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ... דער בחור האָט דעריבער געוואָלט אַרויסגיין פון ישיבה.

האָט דער ליזשענסקער רבי זיך גענומען אַרבעטן אויף דעם בחור, און נאָך גרויסע באַמיאונגען, איז איהם געלונגען צו פּועל'ן ביי דעם בחור ער זאָל צוריקקומען אין ישיבה. צוערשט האָט ער מסכים געווען צו קומען נאָר צום 'פאַרטאָגס' סדר, און צום דאַווענען און סדר א' - אַלעס, ביז דער מגיד שיעור קומט אָן אין ישיבה, ווייל מיט איהם קען ער נישט זיצן 'אונטער איין דאַך'.

זעהען מיר פון דעם אַלעם, ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון אַ וואָרט וואָס טויג נישט, אַפילו אויב עס איז אַרויס פונעם מויל פון דעם מגיד שיעור, וועלכער האָט באמת געמיינט זיין טובה און זיך באַמיט פאַר איהם, נאָר ער האָט בטעות אַרויסגעזאָגט פון מויל אַ וואָרט וואָס איז אָנגעקומען צום נישט ריכטיגן אַדרעס...

**יד.** אין דער פריערדיגער פרשה (צו) האָבן מיר געלערנט (ו, יח) אַז מ'דאַרף שעכטן דעם קרבן חטאת אויפ'ן זעלבן אָרט וואו מ'שעכט דעם קרבן עולה. זאָגט אויף דעם די גמרא (סוטה לב:) אַז דאָס איז כדי די מענטשן וואָס זינדיגן זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן, ווייל אויב מ'וואָלט גע'שחט'ן דעם קרבן חטאת ערגעץ אַנדערש, וועט דאָך יעדער וויסן אַז יענער האָט געזינדיגט און געדאַרפט ברענגען אַ קרבן חטאת פאַר אַ כפרה אויף זיין עבירה בשוגג. אָבער אַז מ'שעכט דעם קרבן חטאת אויפ'ן זעלבן אָרט וואו מ'שעכט דעם קרבן עולה, וועט קיינער נישט וויסן צי עס איז אַ קרבן חטאת אָדער אַ קרבן עולה. זעהען מיר פון דעם, ווי ווייט דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט, אַפילו אויפ'ן כבוד פון איינעם וואָס האָט געזינדיגט...

## מן הבאר

הרה"ק בעל 'פני מנחם' מ'גער זי"ע, זאָגט (שמיני תשנ"ה) על דרך צחות, אַ טעם פאַרוואָס די 'חסידה' איז אַ טמא'נער עוף, כאָטש זי טוט חסד מיט אירע חבר'טעס (ווי רש"י זאָגט אויפ'ן אָרט), ווייל מיר געפינען דאָך אַז 'חסד' איז אויך פון לשון חרפה און בושה [ווי עס שטייט ווייטער (ויקרא כ, יז) 'חסד הוא' - זעה רש"י, דאָרט]. די 'חסידה' טוט אַ 'חסד' מיט אירע חבר'טעס, דאָס הייסט, זי פאַרשעמט זיי און זאָגט זיי מוסר 'לשם שמים', אָבער **וויבאַלד זיי ווערן פאַרשעמט דורך איר, איז זי אַן עוף טמא און מ'טאָר עס נישט עסן, ווייל אויך דאָרט וואו מ'דאַרף זאָגן מוסר, דאַרף מען זייער היטן דעם כבוד פון אַ צווייטן, און אַוודאי נישט צו פאַרשעמען יענעם, אַפילו ווען מ'זאָגט איהם מוסר**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא יט, יז) 'הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא', זאָגט רש"י: 'לא תלבין פניו ברבים' - דו זאָלסט איהם נישט פאַרשעמען ברבים. און אויך דאַרף מען זיך גאָר שטאַרק היטן און דערווייטערן פון אַזאַ 'מוסר', ווען מ'איז מצער יענעם 'לשם שמים'...

רעדנדיג וועגן דעם ווי שטאַרק מ'דאַרף זיך היטן נישט צו פאַרשעמען אַ צווייטן, איז כדאי צו דערציילן דאָ אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט פאַריאָר, ווי עס דערציילט דער בעל העובדא. זיין פרנסה באַשטייט אין דעם וואָס ער לערנט מיט אַ יונגען בחור וואָס פאַרשטייט שווער דאָס לערנען. דער יונגערמאַן פּרובירט כסדר צו 'עפענען' זיין קאָפּ, ער זאָל פאַרשטיין וואָס ער לערנט, און ער האָט בעזרת השם יתברך טאַקע געזעהן הצלחה אין זיין אַרבעט. דער בחור איז שוין אַפילו געשטאַנען פאַר אַ 'פאַרהער' אָנגענומען צו ווערן אין אַ ישיבה, און ער איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין יענע ישיבה.

די דאָזיגע 'הכנסה' איז אָבער נישט גענוג פאַר איהם אויסצוהאַלטן אַ שטוב מיט קינדער בלע"ה, ווי חז"ל זאָגן 'אין הקומץ משביע את הארי'. אַ צייט צוריק, האָט ער באַגעגענט זיינעם אַ יוגנט-חבר, און זיך אויסגעגאָסן פאַר איהם דאָס האַרץ אַז ער אַרבעט שווער, און מיט דעם אַלעם, באַווייזט ער כמעט נישט צו 'דעקן' דעם חודש. האָט דער חבר, וועלכער איז ברוך השם אַ 'בעל יכולת', איהם געזאָגט, ער זאָל איהם טעלעפאָנירן מוצאי שבת, און איהם איבערגעבן זיין אַדרעס, ער וועט שוין זעהן איהם צו שיקן אַ שיינעם 'טשעק'. ער האָט אַזוי געטוהן.

עס זענען אָבער אַדורך עטליכע טעג, און דער טשעק איז נישט אָנגעקומען... בלית ברירה און מיט אַ פנים פול מיט בושה האָט דער יונגערמאַן נאָך אַמאָל טעלעפאָנירט צו זיין חבר, און איהם געפרעגט אויב ער האָט איהם געשיקט דעם טשעק אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעשמועסט. האָט דער חבר איהם געענטפערט, אַז ער האָט איהם שוין געשיקט אַ טשעק עטליכע טעג צוריק, און עס האָט שוין געזאָלט אָנקומען צו איהם. וויבאַלד, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דער טשעק ערגעץ 'פאַרשוואונדן', וועט ער איהם שיקן אַ צווייטן טשעק. דער צווייטער טשעק איז אָבער אויך נישט אָנגעקומען... אַזוי אַז ער האָט זיך שוין געשעמט צו בעטן פון זיין ידיד אַ טשעק, צום דריטן מאָל...

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער יונגערמאַן אַריבערגערופן געוואָרן צום אָפיס פון דעם פאָטער פונעם בחור מיט וועלכן ער האָט געלערנט בחבורתא. דער יונגערמאַן האָט געהאָפט, אַז מסתמא איז דער טאַטע פונעם בחור זייער צופרידן פון דער אַרבעט וואָס ער לייגט אַריין אין זיין זון, און ער וויל מסתמא העכערן זיין געהאַלט, אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אַהין אין אָפיס, האָט דער טאַטע פונעם בחור - צו זיין גרויסן שטוינונג - איהם שטאַרק אָנגעשריגן: 'דו האָסט סתם גע'בטל'ט צייט מיט מיין זון... דו האָסט מיך באַ'גנב'עט... באַלד פון ערשטן טאָג ווען דו האָסט אָנגעהויבן לערנען מיט איהם, האָב איך געשפּירט אַז דו ביזט נישט פּאַסיג פאַר איהם אַלס אַ חברותא... איך האָב דיר באַצאָלט אומזיסט', און אַזוי האָט ער איהם אַוועקגעשיקט אינמיטן דעם 'זמן', כאָטש ס'איז זייער שווער צו געפינען אַ נייעם תלמיד אינמיטן זמן.

באמת, האָט דער יונגערמאַן איהם געקענט ענטפערן, אַז ער האָט מסתמא צוגעוואָרט ביז זיין זון איז אָנגענומען געוואָרן אין ישיבה אויפ'ן קומענדיגן זמן, און יעצט קען ער איהם שוין 'אָנפּייפן'... און צוליב דעם טראַכט ער אויס אַ בלבול קעגן איהם... ער האָט שוין אַפילו געהאַט די ווערטער 'צוגעגרייט' אין מויל... אָבער ער האָט זיך אויפ'ן אָרט איינגעהאַלטן פון ענטפערן דעם 'אבי הילד', און אָנגענומען די בזיונות באהבה, און אַרויסגייענדיג פון דעם

(אבות פ"א, מ"ב). פונקט ווי אַ קעניג האָט געגעבן זיין טייערן אוצר צו זיינע באַליבטע קינדער, אַזוי האָט דער אויבערשטער געגעבן זיין תורה צו די אידן. ער האָט זיי געהייסן בויען אַ משכן, וואו זיין הייליגע שכינה זאָל קענען רוהען. די גאַנצע עבודה וואָס מ'האָט געטוהן אין משכן, איז געווען ווי אַ 'פרוזדור' - אַ 'פאָדער-צימער' - צו דעם 'ארון', וואָס איז געשטאַנען אינעם 'קודש הקדשים', וואָס דאָרט האָבן זיך אויך געפונען די 'כרובים'.

**זאָגט** דער 'חתם סופר' ווייטער, די יסודות פון דעם בנין, און די ערד פונעם משכן, איז גמילות חסדים, וואָס איז דער יסוד און אַלעם ווענדעט זיך אין אט דעם עמוד פון גמילות חסדים. תורה אָן גמילות חסדים, האָט נישט קיין ווערד, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ע"ז יז:) אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה און טוט נישט קיין גמילות חסדים איז אַזוי ווי איינער וואָס האָט ח"ו נישט אַ באַשעפער. תורה גייט צוזאַמען מיט גמילות חסדים. דאָס איז דער יסוד פונעם גאַנצן בנין.

**ווען** דעם זאָגן חז"ל 'על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים'. און כאָטש די תורה איז דער טייערער אוצר וואָס ברענגט אַלע גוטע השפעות, אָבער אויב דער מענטש פוילט זיך צו לערנען, און אַוודאי אויב ער איז פויל צו טוהן די עבודה, האָט ער נאָך נישט אַזאַ שאָדן, כל זמן עס איז דאָ דער יסוד פונעם בנין - גמילות חסדים, האָט דער מענטש האָפענונג, אָבער אויב ער צעשטערט ח"ו אַלע דריי עמודים אויף וועלכע די וועלט שטייט, פאַלט דאָך חלילה דער גאַנצער בנין, עכ"ל.

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו די שפע פונעם יום טוב אויף אייביג, מיט גוטע ברכות, רפואות און ישועות לנו ולכל ישראל, אמן.

---

פאָטער'ס אָפיס, האָט ער מתפלל געווען צום באַשעפער, אַז אין זכות פון זיין אַ 'בולם פיו בשעת מריבה', זאָל ער איהם העלפן מיט פרנסה.

אַ טאָג שפעטער, האָט דער יונגערמאַן באַקומען מיט'ן פאָסט צוויי קאָנווערטן פון זיין ידיד. יעדעס איינע פון די צוויי קאָנווערטן האָט אַנטהאַלטן אַ טשעק אויף די סומע פון פינף טויזנט דאָלאַר - אַ סך הכל פון צען טויזנט דאָלאַר... ער האָט זיך באַלד פאַרבונדן מיט זיין חבר איהם צו לאָזן וויסן, אַז ער האָט באַקומען צוויי טשעקס... האָט דער חבר איהם געענטפערט, אַז 'מה' יצא הדבר' - ס'איז באַשערט פון הימל, און 'הרי שלך לפניך'...

# ואחיכם כל בית ישראל

עס דערציילט הגאון רבי בנימין רימער שליט"א, דער משגיח פון די טשעבינער ישיבה אין ירושלים, אַז מיט צענדליגער יאָרן צוריק איז געווען איינגעפירט אין די ישיבה, אַז ווען אימער אַ בחור פון די ישיבה איז אַ חתן געוואָרן, האָט אַמווייניגסטענס איינער פון דעם רוחניות'דיגן שטאַב פון די ישיבה זיך געדאַרפט באַטייליגן ביים 'תנאים', לכבודו פונעם חתן.

אין אַ טאָג, האָט איינער פון די בחורים געפּראַוועט זיין שמחת התנאים אין אַ שטאָט אין צפון ארץ ישראל, וואו עס האָט דעמאָלס געדויערט צו פאָרן אַהין פון ירושלים, לכל הפחות פיר שעה אַ וועג, אַזוי אַז עס איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַכט שעה אויפ'ן וועג. וויבאַלד ס'איז געווען די רייע אויף רבי בנימין זיך צו באַטייליגן אין די שמחה, האָט ער געוואָלט שפּאָרן זיך דעם ביטול תורה און טלטול הדרך פון אַזוי פיל שעה'ן, און ער האָט געבעטן זיין טאַטן, הגאון רבי מרדכי רימער זצ"ל (וועלכער איז אויך געווען משגיח אין ישיבה) צו בעטן ביי דעם בחור ער זאָל 'מוותר זיין', און איהם 'באַפרייען' פון זיין פליכט... רבי מרדכי האָט אָבער נישט מסכים געווען, זאָגנדיג, אַז אַ תקנה וואָס איז איינגעפירט אין ישיבה, קען מען נישט טוישן, און רבי בנימין איז געווען געצוואונגען צו פאָרן.

אָנקומענדיג צו די שמחה, איז דער זאַל שוין געווען איבערגעפילט מיט די געסט און מחותנים, און קיינער האָט איהם דאָרט נישט געקענט, אויסער דער חתן, וועלכער האָט זיך זייער געפרייט אַז ער איז געקומען לכבודו ביז קיין צפון כדי צו באַשיינען זיין שמחה. נאָך דעם ווי דער חתן האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר'ן מחותן, האָט יענער איהם אַרויפגענומען צום אויבן-אָן, און מ'האָט איהם מכבד געווען צו האַלטן אַ דרשה לכבוד די שמחה.

רבי בנימין האָט טאַקע אויפגעטרעטן לכבוד די שמחה, 'כיד ה' הטובה עליו', אָבער אַלע אָנוועזענדע האָבן ווייטער געטוהן זייערס... איינער האָט גערעדט, אַ צווייטער האָט געגעסן אָדער געטרינקען... ער האָט געפילט ווי ער רעדט אין אַ 'מדבר'... ווען ער האָט געענדיגט רעדן, האָט ער פאַרלאָזט דאָס אָרט מיט עגמת נפש, אויף דעם וואָס ער איז געפאָרן אַזאַווייטן וועגן 'אומזיסט', ווייל ווי עס ווייזט אויס, האָט ער דאָ גאָרנישט 'בייגעשטייערט' מיט זיין זיך באַטייליגן אין די שמחה, און אַוודאי נישט מיט זיינע ווערטער... ער האָט שפּעטער זיך אויסגעגאָסן דאָס הארץ פאַר זיין טאַטן רבי מרדכי, איבער אַלעם וואָס ער האָט דאָ 'מיטגעמאַכט'.

דריי יאָר שפּעטער, איז רבי בנימין אַמאָל געווען אין בני ברק, און צו זיין שטוינונג, האָט ער באַגעגענט דעם געוועזענעם חתן, וועלכער איז שוין יעצט געווען אַ יונגערמאַן, און ער זעהט איהם שטיין אויף דער גאַס און אַריינקוקן אין אַ ספר... דאָס האָט ביי איהם טאַקע אַרויסגערופן שטוינונג, ווייל לויט דעם מהות פון יענעם אַלס בחור, האָט רבי בנימין געמיינט אַז באַלד נאָך די שבע ברכות וועט ער גיין צו דער אַרבעט... און

דאָ דערקענט זיך אויף איהם אַז ער איז אַ שיינער 'בן תורה'. האָט רבי בנימין איהם באַגריסט און איהם געפרעגט וואָס ער טוט, און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט אַז ער איז אַ 'מגיד שיעור' אין אַ ישיבה... האָט רבי בנימין זיך זייער געוואונדערט: דו ביזט אַ מגיד שיעור?!... האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט:

- דער משגיח געדענקט מסתמא מיין 'תנאים', און די 'דרשה' וואָס איר האָט געהאַלטן, רעדנדיג צו די שטיינער און העלצער... ס'איז אָבער נישט געווען אַזוי, ווייל מיין שווער, וועלכער איז אַ פשוט'ער און תמימות'דיגער איד, איז זייער שטאַרק נתפעל געוואָרן פון אַלע שבחים וואָס איר האָט 'אויסגעגאָסן' אויף מיין אַדרעס, און אַהיימקומענדיגן פון די שמחה פול מיט התרגשות, האָט ער דערציילט פאַר זיינע בני בית (פאַר מיין שוויגער און פאַר די כלה) אַז מיר האָבן זוכה געווען צו אַ חתן אַ בן תורה, וועלכער איז - לויט ווי דער משגיח האָט איהם פאָרגעשטעלט אין זיין דרשה ביים 'תנאים' - ממש אַ 'לעבעדיגע ספר תורה'... ער האָט נאָכגעזאָגט פאַר זיין פרוי און די טאָכטער אַלעס וואָס ער האָט אַליין געהערט פונעם משגיח רבי בנימין רימער, וועלכער האָט איהם גאָר שטאַרק אויסגעלויבט.

- דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז די חתונה, אַז די כלה און איר משפחה זענען געווען זיכער, אַז זיי האָבן זוכה געווען צו אַ 'דיאַמאַנט' פון הימל... און זי האָט טאַקע חתונה געהאַט 'אדעתא דהכא', אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד חכם. אַלע אירע ערוואַרטונגען זענען געווען צו זעהן ווי איך שטייג אין לערנען העכער און העכער, אַזש אַז **איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו זעצן זיך לערנען...** און מיר ווייסן דאָך אַז 'מתוך שלא לשמה, בא לשמה', אַזוי בין איך בחסדי ה', געוואָרן אַ בן תורה און געשטיגן אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז איך בין שוין היינט אַ מרביץ תורה...

דאַכט זיך, אַז ס'איז איבעריג צו שילדערן די שמחה וואָס רבי בנימין האָט געהאַט זעהענדיג אַז **קיין שום גוטע זאַך גייט נישט חלילה פאַרלוירן, און יענע רייזע צום צפון-טייל פון ארץ ישראל האָט געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאַטן.**

פון דעם זעהען מיר **ווי ווייט דברי חיזוק און דערמוטיגונג קענען ברענגען אַ שינוי אין גאַנצן מענטש, און אויפבויען גאַנצע דורות לשם ולתפארת.**